Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 10 זייטען

נייער פאלקסבלאט

№ 286 | Łódź, Sroda, 12 Grudnia 1934 r. | צוועלפטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך, ו׳ טבת תרצ״ה | № 286

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

די פויליש-דייטשע פאליטיק

רעדע פון דעפ. טשאפינסקי אויף דער נעכטיגער סיים-זיצונג

וו א ר ש א, 11 (טעלעפאניש)

היינט איז פארגעקומען א סיים-זיצונג.

דער פארזיצער מארשאל שוויטאלסקי האט געמאלדען, אז פונ׳ם יוסטיץ-מיניסטער איז אנגעקומען א פארשלאג ארויסצוגעבען דעם געריכט 2 ענדעקישע דעפוטאטען: לאסאטא און סאכא.

עס זענען רעפערירט און אנגענומען געווארן די געזעץ-פראיעקטען וועגען בעקעמפען אנשטעקענדיגע קראנקהייטען און געזעץ וועגען שפיטאל-פלעגע.

דאן איז אנגענומען געווארן אין דער ערשטער לעזונג דער געזעץ-פראיעקט וועגען צוגאב-קרעדיטען פאר דער גענען-פארפליי צונגס-אקציע.

ביי דער ערשטער לעזונג פון געזעץ-פראיעקט וועגען א פויליש-דייטשער פערשטענדיגונג ובפרט וועגען פערלענגערען דעם צאל-הסכם און וועגען דעם האנדעלס — נישט — אנגרייפס — אפמאך, האט גענומען א ווארט דער דעפוטאט טשאפינסקי, וועלכער האט צוו. א. דערקלערט, אז פ.פ.ס. איז נישט קיין אנהענגער פון פערשארפען די פויליש-דייטשע בעציהונגען, אבער די איצטיגע פאליטיק פון דער פוילישער רעגירונג לגבי דייטשלאנד, וועקט אומרוה.

דער רעדנער האט בעטאנט, אז געגען דער דאזיגער פאליטיק זענען אויך אנדערע כלוכות, און אויך אז די דייטשע בעוואפענונגען רופט ארויס אפילו א בעאומרוהיגונג אין ענגלאנד.

דער רעדנער האט אויסגעדריקט זיין האפע-נונג, אז דער סיים וועט קאנען אפהאלטען א דע-באטע וועגען דער דאזיגער פאליטיק פון דער רעגירונג.

דעפ. זשעלינסקי (ענדעק) האט געפאדערט, אז אויף די אלע אינטערפעלאציעס פון דער פוילישער אויסערן-פאליטיק זאל דער אויסערן-מיניסטער געבען אנ׳ענטפער אויף דער סיים-קאמיסיע.

נאכ׳ן אריינטראגען א רייה אינטערפעלאציעס די דרינגליכקייט פון וועלכע עס איז אפגעווארפען געווארן, איז די זיצונג געשלאסען געווארן.

ארעסטירט צוויי פערדעכטיגע אנטיילנעהמער אין מארסיילער מארד

פ א ר י ז, 11. (ספ. טעל.)

„ל׳ענטראסיזשאן“ איז מודיע פון טולאן, אז דארט זענען ארעסטירט געווארן 2 פערדעכטיגע יוגאסלאווען, ביי וועלכע מ׳האט געפונען אין די וואליזעס אויסשניטען פון צייטונגען מיט בעשרייבונגען פונ׳ם מארסיילער אטענטאט און א רייה נישט-לעזבארע באטיצען.

די ארעסטירטע האט מען איבערגעוויזען דער אויספארשונגס-מאכט.

מען איז זיך משער אז זיי געהערען צו א כאר וואטישער טעראריסטישער ארגאניזאציע.

געווארפען א פעטארדע אויף דער ארטאדאקסישער סינאגאגע אין ציריך

צ י ר י ך, (יט״א). אין מיטען דער נאכט איז אויף דער פרייגוטשטראסע אין ציריך געגען דער ארטאדאקסישער סינאגאגע געווארפען געווארן א פעטארדע, וועלכע האט צושטערט דריי פענסטער און געמאכט אויך אנדערע שאדענס.

שוין זייט א געוויסע צייט ווערען אין דער סינאגאגע אריינגעווארפען שטיינער, צוגעקלעפט אנטיסעמיטישע פלוג-בלעטלעך, א.א.וו. די פאליציי פיהרט אן אויספארשונג. דער פארפאל ווערט פעראורטיילט דורך דער גאנצער פרעסע. דאס „איזראעליטישע וואכענבלאט“ פאר דער שווייץ, פאדערט פון דער מאכט ענערגיש צו בעקעמפען די העץ-ארבייט פון די „פראנטען“ וועלכע ברענגט שוין אזעלכע טרויעריגע פאלגען.

פערפלייצט די נידריגע שטאט-טיילען אין תל-אביב

דער ווינטער אין ארץ-ישראל האט זיך אנגעהויבען

ת ל - א ב י ב, 11 (יט״א טעלעגראפיש).

דיט עטליכע טעג האט זיך דא אנגעהויבען דער ווינטער. ס׳געהען שטארקע רעגענס. צוליב דער שלעכטער קאנאליזאציע איז שטארק בעשווערט דער אויטא-פערקעהר.

אין תל-אביב זענען פערפלייצט געווארן די נידריגע שטאט-טיילען, בעזונדערס גאליטען האט דער נידריג ליגענדער תימנ׳ער קווארטאל. אהין האט מען געמוזט ארויסרופען פייערלעשער צו הילף.

דער מערדער מאטשוגא פערמשפט צום הענגען

ל ע מ ב ע ר ג. 11. (טעלעפאניש).

דער שרעקליכער באנדיט און רויבער מאטשוגא איז פערמשפט געווארן אויף טויט דורך הענגען. דער פערטיידיגער טראגט אריין א קאסאציע.

פוילישע אמבאסאדאר אין לאנדאן זאגט צו שטיצע

דער יודישער הילף-פעדעראציע אין ענגלאנד

ל א נ ד א ן, 11. (יט״א טעלעגראפיש).

דער פוילישער אמבאסאדאר גראף ראטשינסקי האט אויפגענומען א דעלעגאציע פון דער יודישער הילף-פעדעראציע אין ענגלאנד.

די דעלעגאציע האט דעם אמבאסאדאר איבער-געגעבען א בעריכט פון איהר טעטיגקייט, דער אמ-באסאדאר האט ארויסגעוויזען גרויסען אינטערעס און צוגעזאגט צו אונטערשטיצען די אקציע פון דער הילף-פעדעראציע.

פרעסט-כוואליע אין אמעריקא

נ י ו - י א ר ק, 11. (ספ. טעל.)

א כוואליע פון פרעסט האט ארומגענומען די מער-איניגטע שטאטען.

פינף מענשען זענען פון די פרעסט אומגעקומען, ובתוכם, דריי אין טשיקאגא.

דער טערמאמעטער איז געפאלען מיט 11 גראד נידריגער פון זערא.

אינטעלעקטועלער אויסטויש

פ א ר י ז, 11. (ספ. טעל.)

אלעקסאנדער אראסיעוו דער פארזיצער פון דער סאוויעטישער געזעלשאפט פארן אינטעלעקטועלען אויסטויש מיט אויסלאנד, דער געוועזענער סאוויעטישער געזאנדטער אין פראג, איז היינט אנגעקומען קיין פאריז, בכדי צו אנקניפען א קאנטאקט מיט די פראנצויזישע ארטיסטישע און וויסענשאפטס-קרייזען.

א הינדענבורג-מאוזאלעאום

ב ע ר ל י ן, 11 (ספ. טעל.)

לויט׳ן פארשלאג פון היטלערן וועט דער גרויטער זיג דענקמאל פון הינדענבורג׳ן אין טאנענבערג פערוואנדעלט ווערען אין א הינדענבורג-מאוזאלעאום, וואו עס וועט אריבערגעטראגען ווערען דער טויטער קערפער פונ׳ם דייטשען פעלדמארשאל.

די גרויס פון די קאנטינגענטען

צו דערהאלטען די ארדענונג אין סאאר-געביט

ז ש ע נ ע ו ע, 11. (ספ. טעל.)

באראן אלאיזי, דער פארזיצער פון קאמיטעט פאר די ענינים פון סאאר-געביט, האט היינט ביי-טאג ארויסגעשיקט א דעפעשע צו די רעגירונגען פון גרויס-בריטאניען, איטאליען, האלאנד און שוועדען, אין וועלכער עס ווערט מיטגעטיילט דאס דער קאמיטעט האט גענומען צו קענטניש דעם בעשלאנד פון די קאנטינגענטען פון דער אינטערנאציאנאלער קראפט צו דערהאלטען די ארדנונג אין סאאר-געביט ווי דהיינו: ענגלאנד — 1500, מאן, איטאליען — 1300, האלאנד — 250, און שוועדען — 250.

עס ווערט אין דער דעפעשע געבעטען, אז די קאנטינגענטען זאלען אנקומען אין סאאר-געביט פארן 22 דעצעמבער.

איז עס די אויסטערלישע „ליבע“?...

ארעסטען צווישען דער היטלע-ריסטישער יוגענד

ב ע ר ל י ן, 11 (ספ. טעל.)

„באזעלער נאכריכטען“ איז מודיע, אז אין משך פון דער פאריגער וואך זענען אין בערלין ארעסטירט געווארן 40 אנפיהרענדע מיטגלידער פון דער היטלעריסטישער יוגענד, צווישען וועלכע עס האבען זיך אויך געפינען אויסלענדישע בירגער.

א פערפלייצונג אין ניי-זעלאנד

וו ע ל י נ ג ט א ן, 11 (ספ. טעל.)

נאך די שרעקליכע גוס-רעגענס זענען אייני-גע טיילען פון נארד-אוקלאנד (ניי-זעלאנד) אינגאנצען פערפלייצט געווארן, און איינגע שטעט זענען לחלוטין אפגעשניטען פון דער וועלט.

די נידריג-ליגענדע געגענד בילדעט איין גרויסע אזערע.

דורכפאל פון א פוילישען באקסער אין באסטאן

נ י ו - י א ר ק, 11 (ספ. טעל.)

אין באסטאן איז היינט פארגעקומען א באקס-מעטש צווישען הארי דעוועזנען און דעם פאלאק עדווארד ראן.

דער מעטש האט געזאלט פארקומען אין 10 רונדעס, אבער אין דער 6׳טער רונדע איז שוין ראן געפאלען מיט א נאק-אוט.

ווי האלט עס מיט די ים-אונטער-האנדלונגען?

ל א נ ד א ן, 11 (ספ. טעל.)

לויט אלע ווארשיינליכקייטען וועלען די ים-אונטערהאנדלונגען א ליאדע טאג אפגעלייגט ווע-רען אויף א לענגערע צייט אין שייכות מיט די אנקומענדע חגאות.

די יאפאנער זאלען האבען בדעה ביז סוף דעצעמבער ווארטען מיט׳ן קינדיגען דעם וואשינג טאנער טראקטאט.

די יאפאנישע דעלעגאציע האט זיך געווענ דעט קיין טאקיא וועגן וויטערדיגע אינסטרוקציעס.

די 2 מעשים-טובים פון זשענעווע

ל א נ ד א ן, 11. (ספ. טעל.)

סער דזשאן סימאן האט היינט אין אוועגד גע האלטען א רעדע אין וועלכער ער האט געגעבען 2 ביישפילען פון טובות, וואס די פעלקער-ליגע האט געטון פארן שלום פון דער וועלט.

אין סאאר-געביט — האט ער געזאגט — איז, א דאנק דעם ארגאניזירען אנ׳אינטערנאציאנאלע קראפט, אין וועלכער עס וועלען זיך בעטייליגען קאנ טינגענטען פון בריטאניען, איטאליען, האלאנד און שוועדען — דערגרייכט געווארען די זיכערקייט אז דער פלעביסציט דארט וועט אדורך בשלום ובשלוה.

דער צווייטער דערפאלג פון דער פעלקער-ליגע איז דאס מילדערען דעם יוגאסלאוויש-אונגארישען קאנ פליקט. מיר וועלען אויסמיידען יעדע געלעגענהייט — האט ער פערענדיגט — צו פערזיכערען דעם שלום פאר אונזער קינדער און פאר דער גאנצער וועלט.

געשלאסן די אויסעראָרדענטליכע סעסיע פונ׳ם פעלקערליגע-ראט

ז ש ע נ ע ו ע, 11 (ספ. טעל)

דער ראט פון דער פעלקערליגע האט היינט ביי-טאג אפגעהאלטען די לעצטע זיצונג פון דער אויסעראָרדענטליכער סעסיע.

עס איז בעהאנדעלט און אנגענומען געווארן די שלוס-רעזאלוציע וועגען שאפען די אינטערנא-ציאנאלע קראפט צו דערהאלטען די ארדנונג אין סאאר-געביט בעת׳ן פלעביסציט.

אין דער דאזיגער זיצונג האבען זיך אויך בעטייליגט די פארשטעהער פון האלאנד און שוועדען.

די קומענדיגע סעסיע פונ׳ם פעלקערליגע-ראט וועט זיך מחמת׳ן פלעביסציט (דעם 13 יאנואר) מקדים זיין, און אנשטאט דעם 21 יאנואר ק. י. זיך אנהויבען דעם 11 יאנואר.

פערברייטערען די הילף-אקציע פאַר יודען אין פוילען

געשפרעך פון ד"ר בערנארד קאהן מיט לאַסקי'ן

לאָנדאָן, 11. (יט"א טעלעגראַפיש).
ווי יט"א דערוויסט זיך, האָט בעזיל לאַסקי געהאַט אַ געשפּרעך מיטן דזשאָינט-דירעקטאָר ד"ר בערנאַרד קאָהן וועגן פערברייטערן די הילף-אַקציע פאַר די יודען אין פוילען. לאַסקי וועט אויך פאָרטזעצן זיינע אינטערוועַנציעס אין ניו-יאָרק וואו ער פאָהרט אָפּ שוין אין עטליכע טעג.

אפגעלעגט דעם 1-טן ראטן-צוזאמענפאהר פון בירא-בידזשאן

מאָסקווע, 11. (יט"א טעלעגראַפיש).
דער ערשטער ראַטען-צוזאַמענפאָהר פון בירא-בידזשאַן, וועלכער האָט זיך געזאָלט עפענען היינט איז אָפּגעלעגט געוואָרען אויפן 18-טען ד.ח.

פאַרשטעהער פון יוגאסלאווישע יודען ביים רעגענט פון יוגאסלאוויען

בעלגראַד, (יט"א). דער צווייטער רעגענט פון יוגאָסלאַוויען ד"ר. ראַדענקאָ סטאַנקאָוויטש האָט אויפגענומען אויף אַן אוידיענץ דעם מיטגליד פון דער הויפּט-פערוואַלטונג פון יודישען קהלות-פערבאַנד דר. בוקיטש פּיזשאַדע. דער רעגענט האָט אַרויסגעוויזען גרויס אינטערעס פאַר דער לאַגע פון די יודען אין יוגאָסלאַוויען, און האָט ערקלערט דאָס ער פאָלגט נאָך מיט פיל סימפּאַטיע די פּאַטריאָטישע לייסטונגען פון די יודען און שעצט הויך די ציוניסטישע בעוועגונג. דאָס יודענטום אַלס אַלט קולטור-פאָלק האָט די פולע רעכט אויף אַן אייגענער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, די טרייהייט צום פאָטערלאַנד און דער ציוניזם — האָט בעטאָנט דער רעגענט — זענען זיך גאָר נישט סותר.
בנוגע דער אויסוויזונג פון אונגאַרישע בירגער פון יוגאָסלאַוויען פון וועלכער עס ליידען אויך יודען האָט דער קעניגליכער רעגענט פערשפּראָכען גינציג צו בעטראַכטען די יעניגע פאַלען, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען יודען, וועלכע האָבען אָפּטירט לטובת יוגאָסלאַוויע אָדער זיך בעמיהט צו בעקומען די יוגאָסלאַווישע בירגערשאַפט.

אנקלאגע געגען די ירושלים'ער שטאט-ראט-וואהלען
פראצעס אפגעלעגט אויפ'ן 20 ד. ח.

ירושלים, 11. (יט"א טעלעגראַפיש)
דאָס געריכט האָט בעטראַכט די אַנקלאַגע פון געוועזענעם אַראַבישען בירגער-מייסטער פון ירושלים, נאַשאַשיבי, געגען די לעצטע ירושלימער שטאָט-ראַט וואַהלען.
דאָס געריכט האָט דעם פּראָצעס אָפּגעלעגט אויפ'ן 20-טען ד.ח. ביז דער צייט דאַרף נאַשאַשיבי צושטעלען די נויטיגע בעווייזען.

21 יודישע ארבייטער פערמשפט פאר שטערען אראבישע שטרייק-ברעכער

ירושלים, 11. (יט"א טעלעגראַפיש).
דער ריכטער פון יפו'ער געריכט באַדול, האָט פערמשפּט 21 יודישע אַרבייטער מיט אַ געלד-שטראָף צו 8 פונט יעדער אָדער צו 6 וואָכען אַרעסט, פאַר פּיקעטירען אַ קאָלאָניע אין כפר סבא, וואו ס'זענען געווען בעשעפטיגט אַראַבישע שטרייק-ברעכער.

8-טער רעוויזיאניסטישער לאנד-צוזאמענפאהר געעפענט אין ירושלים

ירושלים, 11. (יט"א טעלעגראַפיש).
ס'האָט זיך געעפענט די 8-טע לאַנדקאָנפערענץ פון די רעוויזיאָניסטען.

שטייגערונג פון בודזשעט אין ארץ-ישראל

ירושלים, 11. (יט"א טעלעגראַפיש).
די הכנסה-ציפערען פון בודזשעט האַלטען אין איין שטייגען, פאַרן לויפענדען יאָהר וועט די הכנסה דערגרייכען אַ סומע פון פינף מיליאָן פונט.

טעלעגראמען מיט'ן העברעאישען אלף-בית
וועלען אנגענומען ווערען אין 20 נייע פאסט-אמטען אין ארץ-ישראל

ירושלים, 11. (יט"א טעלעגראַפיש).
לויט אַ רעגירונגס-פעראָרדנונג וועלען פון 1-טען יאַנואַר אָן געעפענט ווערען צוואַנציג פּאָסט-אַמטען, וואו ס'וועלען אָנגענומען און אַרויסגעשיקט ווערען דעפּעשען אין העברעאישען אלף-בית.

אנ'ענגלענדער בראש פון דער אינטערנאציאנאלער ארמעע אין סאאר-געביט

לאָנדאָן, 11 (ספ. טעל.)
„דיילי מייל" דערוויסט זיך, אז דער הויפּט-קאָמאַנדיר פון די בעוואָפענטע כוחות, וואָס וועלען בענוצט ווערען אַלס אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליציי אין סאַאר-געביט בעת'ן פּלעביסציט, וועט זיין דער ענגלענדער, גענעראַל-מאַיאָר פרייבערג — איינער פון די פאַרדינסטפולסטע אָפיצירען בעת'ן וועלט-קריג.
גען: פרייבערג איז קוים 44 יאָהר אַלט.
ראָטערדאַם, 11 (ספ. טעל.)
200 האָלענדישע קריגס-מאַטראָסען זאָלען מאָרגען אַרויספאָהרען אין סאַאר-געביט.

א מילדערונג אין די סאוויעטיש-יאפאנישע בעציהונגען

טאָקיאָ, 11 (ספ. טעל.)
די אגענץ „רענגאָ" איז מודיע:
דער יאַפּאַנישער אמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע, וועלכער איז אָנגעקומען קיין טאָקיאָ, האָט דערקלערט פאַר דער פּרעסע, אַז די שטימונגען אין ראַטען-פערבאַנד לגבי יאַפּאַן האָבען זיך געענדערט מחמת דעם, וואָס די סאָוויעטען שטרעבען צו פערקויפען די צפון-מאַנדזשורישע באַהן.

Dr
Wajnberg
ספּעצ. פון לונגען- און הארץ-קראַנקה.
וואוינט יעצט פּיעטריקאָווער 145
טעל. 126-02.
נעמט אָן פון 9—10 פריה, 3—5, 8—9 אָוו.

Dr. J. Lubicz
כירורג און ארטאָפּעד
9 פּאָלודניאָווא 9,
טעל. 17-183
צוריקגעקעהרט

אויגען-קליניק
מיט שטענדיגע בעטען פון
Dr. B. Donchin
פּיעטריקאָווער 90, טעלעפ. 221-72
נעהמט אָן שטענדיגע אויגען-קראַנקע (צוועק אָפּעראַציע א. ז. וו.), ווי אויך אַמבולאַטאָרישע פון 9 ביז 1 און פון 4 ביז 7.30 אָוענד.

DR.
Różaner
ווענעראלאָגישער אַמבולאַטאָריום
סעקסועלע בעראַטונג
פון 12—2 אין דער
לעטשניצע זגערזשער 17.

עלעגאַנטע דאַמען-היטען
Modystka „TOLA"
Zawadzka 23, parter ll w.

פאַר **גאָלד,**
בריליאַנטען
בּיזשוטעריע
און לאָמבאַרד-קוויטעס
צאָהלט די העכסטע פּרייזען
אלזידאָר פּיאַלקאָ
פּיעטריקאָווער 7.

Dr. med.
Haltrecht
ספּעציאַל-ארצט פאַר הויט-און געשלעכטס קראַנקהייטען
פּיעטריקאָווער 10, טעל. 245-21
נעמט אָן פון 8—11 פריה און פון 1³⁰—2³⁰ מיטאָג און פון 5—9 אָווענד.
זונטאָג פון 10—1 בײַטאָג.
עלעקטראַנאַליזען.
פאַר אונבעמיטעלטע לעטשניצע-פּרייזען!
פאַר פרויען אַ ספּעציעלער וואַרט-זאַל.

Dr. med.
Leon Familier
אינערליכע און קינדער-קראַנקהייטען
האָט זיך איבערגעציגען אויף
שערפּיעז 37 (בענעדיקטאַ) 6.
נעהמט אָן פון 5—7 נאָכמ.

אלערליי פוטערס פארבט מען
לויט אויסלענדישען סיסטעם
אין דער כעמישער וועשעריי
און פאַרבעריי
„עריקא"
מלינאַרסקאַ 2 (רוג בזשעזשינער)
קאָנקורענץ-פּרייזען!
סאָלידע אויספיהרונג!

די 1-טע און ביליגסטע קוועלע פון
רעשטען
אויף פּאַלטענס און אנציגער
פון די בעסטע ביליצער און טאָמאַשאָווער סחורות, די מאָדערנסטע מוסטערן, אין אַ גרויסען אויסוואַהל, בעקומט מען נאָר ביי
R. Szczęśliwy
לאָדז, 5 באַוואָמיעסקאַ 5
טעל. 156-09
געדענקט. פּראָנט 2 שטאָק.

אטוואצק — **7.50 זל. טעגליך**
קלימאַטישע וואַלד-סטאַציע
Sanatorjum D-ra med. W. PRZYGODY
לונגען-אָפּטיילונג: ס'ווערען געהיילט לונגען-קראַנקע לויט די נייעסטע מעטאָדען.
כירורגישע אָפּטיילונג: ווערען געמאַכט: אָדמע, איבערברעכונג פון פּערוואָקסונגען, דורכשניידען פונ'ם נערוו א. ז. וו.
ספּעציעלער פּאַוויליאָן: ריטשאַלט-פּרייזען צוגעפּאַסט צו דער איצטיגער קריזיס-צייט נעמען אַרום: פולע אויסהאַלטונג, מעדיצין, אויפזיכט, רענטגען, אַנאַליזען א"אַ
כשר'ע קיך! געשמאַקע כשר'ע קיך. כשר'ע קיך!
פאַר רעקאָנוואַלעסצענטען זאָרגפעלטיגע אויפזיכט.

דער עקאנאמישער אינסטיטוט פאר א"י
ביי דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין לאָדז
שרודמייסקאַ 29, טעל. 127-28
מאַכט בעקאַנט, אַז די איינשרייבונגען פון קאַנדידאַטען אויף דעם ערשטען פּראָפעסיאָנעלען קורס פון
קאָנאַליזאַציע און וואַסערלייטונג
וועלען אָנגעשלאָסען ווערען דעם 20 דעצעמבער ה.י.
דער קורס ווערט געעפענט דעם 2-טען יאַנואַר און וועט דויערן 3 חדשים. די שילער וועלען בעקומען אַ גרונטליכע טעאָרעטישע און פּראַקטישע אויסבילדונג אין איבערגערעכנטען פאַך אונטער דער אויפזיכט פון ספּעציעל אַנגאַזשירטע אינזשינירען-פאַכלייט, אַ חוץ דעם וועלען די שילער גלייכצייטיג דורכמאַכען אַ קורס פון הכשרה רוחנית.

יודישע געזעלשאַפט פאַר **לאַנדקענטשאַפט**
אין לאָדז. וואָלטשאַנסקאַ 35 — טעל. 121-53.
היינט מיטוואָך, ד. 12 דעצעמבער, 9 אַ זייגער אָוונט קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל
א פארלעזונג
פון בעקאַנטען דיכטער און גלענצענדען פּרעלעגענט
איציק מאנגער (רומעניען)
א. ד. ט. **„צעשויבערטע קעפּ"**
טעזיס: 1) דער דעמאָן אין דער יודישער, קריסטליכער און קלאַסישער דעפיניציע. 2) די, וואָס האָבען געבענקט צו שיינקייט (העלדערלין, ווערלען). 3) די, וואָס האָבען געבענקט צו מאַכט (קלייסט, ניטשע). 4) די ביי די ברענגען פון נאַכט, טויט און שגעון (וויאָן, פּאָ, מאָפּאַסאַן, דאָסטאָיעווסקי). 5) זין און אומזין פון די צעשויבערטע קעפּ.
נאָכ'ן רעפעראַט וועט דער דיכטער לייענען זיינע נאָך נישט געדרוקטע לידער.

טיף געריהרט צוליבן טויט פון דעם איידעלען זעהר געשעצטען מענש
נ"ע יוסף בעכער
דריקען מיר אויס דער פאַמיליע אונזער טיפסטען ביילייד.
זייט געטרייסט! משה רובינשטיין און פאַמיליע

אונזער פריינד
שמעון ביידהויז און פרוי
צוליבן טויט פון זיין אונפערגעסליכען
פאטער נ"ע
דריקען מיר אויס אונזער איניגסטען מיטגעפיהל
זייט געטרייסט!
י. פּאַמעראַנץ און פרוי

Dr. REICHER
פּאָלודניאָווא 28, טעל. 201-93
ספּעציאַליסט
פאַר מענער-שוועכע-בעהאַנדלונג.
סעקסועלע בעראַטונגען און פּסיכאָ-אַנאַליזען
נעהמט אָן פון 8—11 און פון 5—8 אָוענד

DR. MED. H. LUBICZ
פאַר הויט, ווענערישע און געשלעכטס-קראַנקה.
צעגעלניאַנאַ 7 (פריהער 43), טעל. 141-32
עמפּפאַנגס-שעה'ן 8—10, 12—2, און 5—8 אָוענד
זונטאָג און יום-טוב פון 9—11 בייטאָג.
און יו"ט 9—1. פאַר דאַמען בעזונדערער וואַרט-זאַל

בראזיליען נויטיגט זיך אין איינוואנדערער

ריא דע זשאנעירא (יט"א) די איינפלוסרייכע בראזיליאנער צייטונג „קארעיא דע מאנהא" איז ארויסגעטרעטן מיט א שארפער קריטיק פון די פערפליכטענדע אימיגראציע-פאר־שריפטען, שרייבענדיג אז בראזיליען נויטיגט זיך אין אימיגראנטען, וועלכע קענען ארבייטען אין דער לאנדווירטשאפט.

גרויסע ערד-שטחים פון לאנד בלייבען נישט בעארבייט — שרייבט די צייטונג — צוגעבענדיג, אז בראזיליען דארף נאכפאלגען דעם ביישפיל פון די פעראייניגטע שטאטען, וועלכע האבען דורכ־געמאכט א שנעלע ענטוויקלונג א דאנק דעם גרויסען צופלוס פון אימיגראנטען. דער דערמאנ־טער ארטיקעל ווערט בעטראכט אלס סימפטאם דערפון, וואס מען קלייבט זיך צו לינדערן די איינוואנדערונגס-פארשריפטען אין בראזיליען.

רומענישער מיניסטער קומט היינט קיין ווארשא

ווארשא, 11 (טעלעפאניש)

מארגען, מיטוואך קומט קיין ווארשא דער רומענישער האנדעלס - אינדוסטריע-מיניסטער, ה' מאנולעסקו-סטרונגא.

זיין וויזיט אין ווארשא וועט געדויערן עטליכע טעג, און ער וועט אדורכפיהרען אונטער האנדלונגען מכוח'ן צופאסען דעם איצטיגען פויליש-רומענישען אפמאך צו די נייע רומענישע פער־ארדנונגען בנוגע דעם אויסלענדישען האנדעל.

געפינען אנ'ארט...

בערלין, 11 (ספ. טעל.)

דער געוו. פרעזידענט פון קובא, גענ. מא־שאדא איז היינט ביינאכט אנגעקומען קיין האמ־בורג.

ער האט בדעה זיך אויף שטענדיג צו בע־זעצען אין דייטשלאנד.

אבלאוועס אויף אונלעגאלע אויסלענדער אין יודישען קווארטאל אין אנטווערפען

אנטווערפען, (יט"א) אין יודישען קווארטאל אין אנטווערפען זענען פארגעקומען אב־לאוועס מצד דער פאליציי, וועלכע האט ארעס־טירט אייניגע יודען, וואס האבען זיך דא אויפגע־האלטען אונלעגאל.

צוריקגעקומען די פוילישע קויהלען-דעלעגאציע פון לאנדאן

ווארשא, 11 (טעלעפאניש)

היינט האבען זיך צוריקגעקעהרט די פאר־שטייער פון דער פוילישער קויהלען אינדוסטריע, וועלכע האבען געווייל אין לאנדאן אלס דעלע־גאציע צו אונטערהאנדלען מיט די רעפרעזענטאנ־טען פון דער בריטישער בערג-אינדוסטריע.

דער דערגרייכטער הסכם וועט דורך ביידע דעלעגאציעס פארגעשטעלט ווערען די צענטראלע ארגאניזאציעס צו בעשטעטיגען.

מ'שיקט שוין נישט ארויס מעהר קיין אונגארער פון יוגאסלאוויען

בודאפעשט, 11 (ספ. טעל.)

דאס ארויסשיקען פון אונגארער אין יוגא־סלאוויען האט זיך איינגאנצען אפגעשטעלט.

בעת דער היינטיגער פארלאמענט-זיצונג הא־בען זיך די דעפוטאטען מתחייב געווען צו געבען צו 10 פענגא לטובת די ארויסגעשיקטע.

דער לופט-פליהער אולם איז פערשוואונדען געווארען

ניו-יארק, 11 (ספ. טעל.)

די אנפיהרערשאפט פון דער אמעריקאנישער עסקאדרע אויפן שטילען אקעאן האט אויפגעהערט צו זוכען דעם פערשוואונדענעם לופט-פליהער אולם און זייגע חברים.

עס איז שוין אדורך א וואך זייט זינט אולמס עראפלאן איז ארונטערגעפאלען אויפן אקעאן נעבען די האוואישע אינזלען.

מען האט פערלוירען די האפענונג איהם צו געפינען.

נאכ'ן יוגאסלאוויש-רומענישען הסכם

לאנדאן, 11 (ספ. טעל.)

די גאנצע ענגלישע פרעסע דריקט אויס איהר צופרידענהייט צוליב'ן קאמפראמיס, וואס איז דערגרייכט געווארען אין זשענעווע, און שטרייכט אונטער די וויכטיגע ראליע, וואס ענגלאנד האט געשפילט אין דערפיהרען צו א הסכם צווישען יוגאסלאוויען און אונגארן.

בעלגראד, 11 (ספ. טעל.)

די גאנצע היינטיגע פרעסע ברענגט ברייט בעריכטען וועגען די נעכטיגע פערהאנדלונגען פון דער פעלקער-ליגע.

די „ווראמע" פערעפענטליכט דעם טעקס פון דער רעזאלוציע מיט'ן טיטול: „אונגארן אונטער דער קאנטראלע פון דער פעלקער-ליגע".

געמישטע פארפאלקען אין דייטשלאנד ווערען אויפגעפאדערט נישט צו האבען קיין קינדער

בערלין, (יט"א). אין דער צייטשריפט „דייטשעס רעכט" טרעט ארויס אדוו. האנס שולצע מיט דער פאדערונג אז די געמישטע פארפאלקען אין דייטשלאנד זאלען בלייבען קינדערלאז.

„פאר דעם ארישען גליד פון דעם געמישטען פארפאלק — שרייבט דער ראסיסטישער טעאָרעטי־קער — בלייבט נישט קיין אנדער אויסוועג אויב ער בעזיצט באר דעם ראסישען פעראנטווארטליכקייטס־געפיהל ווי צו בלייבען קינדערלאז, אויב ער טוט דאס נישט, דאן העלפט ער מיטצוארבייטען ביי דער ראסישער צושטערונג פון זיין פאלק, זיינע קינדער וועלען זיין פרעמדע מישליגגען מיט פערמינדערטע רעכט. דער ראסען-געגענזאץ צווישען מאן און ווייב קען דערגרייכען צו אזא גראד, אז עס זאל ווערען אוממעגליך צווישען זיי יעדע געמיינשאפט, בעזונ־דערס די געשלעכטליכע געמיינשאפט".

א שרעקליכע האטעל-שרפה מיט פיל מענשליכע קרבנות

לאנסינג-מישיגען, 11 (ספ. טעל.)

איינער פון די היגע האטעלען איז אינגאנצען אבגעברענט געווארען.

לויט די ביז-איציגע ידיעות זענען אין די פלאמען אומגעקומען 11 מאן.

צווישען די אומגעקומענע זענען דא 5 דע־פוטאטען און איין סענאטאר.

אנ'ערך 30 פערזאן זענען שווער און לייכט פערוואונדעט געווארען.

עטליכע האטעל-געסט זענען דורך די פענ־סטער ארייגעשפרונגען אין דעם דערביי-פליסענדען טייך גראנד-ריווער און זענען דערטרונקען געווארן.

לאנדאן, 11 (ספ. טעל.)

אין מאמענט, ווען די שרפה איז אויסגע־בראכען איז דער האטעל געווען איבערפולט. דארט האבען זיך געפינען 200 געסט.

די צאהל אומגעקומענע אין די פלאמען און אין טייך מאכט אויס אנ'ערך 60 מאן. נאך א מאל אזוי פיל איז פערוואונדעט.

די שרפה איז אויסגעבראכען פארטאגס, ווען אלע געסט זענען נאך געשלאפען.

אין משך פון 10 מינוט איז איינגעפאלען דער דאך.

עס זענען אויך אומגעקומען פיל פייערלע־שער.

9 אינדערפריה איז דער גאנצער בנין געווען — א חורבה. די סיבה פון דער שרפה איז נישט פעסטגעשטעלט.

פעהלערן פון הארץ און נערווען-סיסטעם

(דערלויבען נישט צו טרינקען אויבערייצענדע קאווע און טעה. זעהר ווירקזאמע מיטינקייט ביי די פעהלערן ווייזט ארויס דאס בעקאנטע קרייטעכצער-געמישעכץ פון

Oskar Wojnowski HERBACIANKA

פערלאנגט אין די אפטייקען און סקלאד-אפטעקשנעס.

Skład główny: Warszawa, Al. Jerozolimska 75, tel. 857-25 פרייז פון א שאכטעל 2.50 זל.

אויף דער פראווינץ וועררט ארויסגעשיקט פער פאסט דורך נאכנאהמע אמוועניגסטענס 2 פעקלעך.

מין. לאוואל אויף א פריהשטיק ביים קאמיסאר ליטווינאוו

זשענעווא, 11 (ספ. טעל.)

לאוואל האט היינט געהאט לענגערע גע־שפרעכען מיט'ן באראן אלאיזי און מין. יעוויטש.

בייטאג האט דער קאמיסאר ליטווינאוו אויפ־גענומען אויף א פריהשטיק דעם מין. לאוואל, וועל־כער איז דערנאך ארויסגעפאהרען קיין פאריז.

די איבעריגע מיטגלידער פון ראט פערלא־זען זשענעווע היינט אדער מארגען.

פערטרויליכע בעראטונג וועגען דער לאגע פון די יודען אין דאנציג

ווארשע (יט"א) די טעג איז אויף א ספע־ציעלער פרעזידיום-זיצונג פון פעראייניגטען קא־מיטעט צו בעקעמפען די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאנד בעטראכט געווארען די לאגע פון די יודען אין דאנציג, אין צוזאמענהאנג מיט דער ניי־געשאפענער פאליטישער לאגע אין דער פריישטאט.

עס איז אויסגעהערט געווארען אנ'אויספיהר־ליכער בעריכט פונ'ם גענעראל-סעקרעטאר פונ'ם קאמיטעט רעד. מ. טורקאוו, וועלכער האט זיך איצט צוריקגעקעהרט פון זיין בעזוך אין דאנציג און וועלכער האט אלזייטיג בעלויכטען די געפאהר, וואס דראהט דעם דאנציגער יודענטום מצד דער היטלעריסטישער פארטיי, אויב דער דאנציגער סענאט וועט נישט ארויסגעבען די געהעריגע פער־ארדנונגען, כדי צו זיכערן דער יודישער בעפעל־קערונג רוהע און שוץ. נאכ'ן דורכפיהרען א גרינד־ליכע דיסקוסיע איז בעשלאסען געווארען צו נעמען צו קענטניש דעם בעריכט פון רעד. טורקאוו.

עס איז בעשלאסען געווארען ווייטער נאכ־צופאלגען מיט דער געהעריגער אויפמערקזאמקייט די ענטוויקלונג פון די געשעהענישען אין דאנציג און דערביי איז אויך ענטשטאנען א פראיעקט צו פערשטענדיגען זיך מיט די צענטראלע יודישע פאליטישע ארגאניזאציעס אין מערב-איירופא מכוח דער עווענטועלער גרינדונג פון א ספעציעלען קא־מיטעט צו שיצען די רעכט פון דער יודישער בעפעלקערונג אין דאנציג.

קאנפערענצען און בעראטונגען פון פערשידענע רעוויזיאניסטישע אבצווייגונגען בשעת דער רעוויזיאניסטישער וועלט-קאנפערענץ אין קראקא

פאריז, (יט"א) אין הסכם מיט דעם עקזע־קוטיוו-קאמיסעט פון ברית-הצה"ר וועלען בשעת דער 6-טער וועלט-קאנפערענץ, וואס וועט פארקו־מען דעם 9-טען יאנואר 1934 אין קראקע, אויך אפגעהאלטען ווערן דער כנוס-בית"ר ס'וועלען פאר־קומען בעראטונגען און קאנפערענצען פון פאל־גענדע רעוויזיאניסטישע אבצווייגונגען:

ברית-החייל (יודישע רעזערוויסטען), ברית-ישורון (רעליגיעזע רעוויזיאניסטען) ווערעף (רעוויז־יאניסטישע פרויען) פערבאנד פון שטאטס-ציוניס־טישע אקאדעמיקער „יבנה ויודפת", ברית-עבודה-מנורה (פערבאנד פון רעוויזיאניסטישע ארבייטער אין גלות) מסדה (פערבאנד פון רעוויזיאניסטישע שילער), גורדיה (פערבאנד פון רעוויזיאניסטישע ספארטלער) „זבולון" (פערבאנד פון רעוויזיאניס־טישער יוגענד, וואס האבען זיך געשטעלט די אויפגאבע פון ים-אויסבילדונג).

אויסער די אויבענאויסגערעכענטע בערא־טונגען און קאנפערענץ וועט אויך אפגעהאלטען ווערען א ספעציעלע קאנפערענץ פון קרן-תל-חי־טוער, צוזאמען מיטן הויפט-דירעקטאריום און צענטראלער פערוואלטונג פון דעם פאנד.

די אלע קאנפערענצען און בעראטונגען וועל־לען פארקומען אין משך פונ'ם 5-טען ביז'ן 16-טען יאנואר.

בודאפעשט — בעלגראד

בודאפעשט, 11 (ספ. טעל.)

די אונגארישע פרעסע בעגריסט מיט צופרי־דענהייט די זשענעווער לעזונג פונ'ם אונגאריש-יוגאסלאווישען פראבלעם, אונטערשטרייכענדיג, אז א דאנק דער אויפריכטיגער שלום-שטרעבונג פון דער פעלקערליגע איז געלונגען אפצוהיטען פאר דער ענטוויקלונג פון די געשעהענישען, וואס וואלטען בעדראהט דעם שלום.

בעלגראד, 11 (ספ. טעל.)

די יוגאסלאווישע פרעסע קאמענטירט ברייט דעם רעזולטאט פון די בעראטונגען פון דער פעל־קער-ליגע, אונטערשטרייכענדיג, אז יוגאסלאוויען האט אפגעהאלטען א זיג. פונדעסטוועגען ווערט נאך דער ענין נישט בעטראכט פאר ערלעדיגט, און ס'ווערט געווארט אויף דער אינטערנאציאנא־לער אויספארשונג, וואס וועט פעסטשטעלען די פאקטישע זאכלאגע.

ארגאן פון וואטיקאן וועגן דער הארציגער בעציהונג צו די דייטשע פליטים אין א"י

רוים, (יט"א) „אסערוואטארע ראמאנא" דער אפיציעלער ארגאן פון דער קאטוילישער קירך, ברענגט אויף דער ערשטער זייט אנ'ארטיקעל, גע־שריבען אין אנ'אביעקטיווען און גינסטיגען טאן וועגען די יודיש-דייטשע פליטים אין א"י. דאס איינ־ארדנען זיך פון די דייטשע פליטים אין א"י, שרייבט „אסערוואטארע ראמאנא" איז א פראבלעם וואס אינ־טערעסירט אין דער ערשטער ליניע די פאלעסטינער יודען. די א"י יודען, פיהלען זיך שוין אלס די, וועל־כע ראטעווענדיג זיך פון אנ'אונטערגעהענדיגער שיף האבען זיך ענדליך דערשלאגען צום ברעג. עס איז אבער גערעכט, דאס זיי פערפאלגען מיט גרויס מיט־לייד דעם שיקזאל פון זייערע גלויבענס-גענאסען, וועלכע האבען זיך נאך נישט דערשלאגען צום ציל. דעריבער איז אויך פערשטענדליך, די איבערגעבענ־הייט, מיט וועלכער די איינוואוינער פון א"י ווייזען ארויס פאר די דייטשע פליטים, „אסערוואטארע ראמאנא" רעדט ווייטער ארום אין זיין ארטיקעל די אל־געמיינע לאגע פון די יודיש דייטשע פליטים און די טעטיגקייט פון הויכען קאמיסאריאט אונטער דער לייטונג פון דזשעמס מאקדאנאלד.

קאמף פאר דער איינהייט פון דער ווינער יודישער קהלה

די רעגירונגס-פרעסע שטיצט די צושפליטערונגס-טענדענצען

ווין, (יט"א) די „רייכספאסט" פערעפענט־ליכט א מעמאריאל פון דער עקסטרעם ארטאדאק־סישער „שיף-שוהל" צו דער רעגירונג, וואס ווערט דורך דעם דאזיגען רעגירונגס-ארגאן בעצייכענט אלס אקציע פון די רעליגיעזע עלעמענטען געגען דער „נעאלאגישער יודישער מעהרהייט". פערביג־דענדיג אייגענע אנטי-יודישע טענדענצען מיט א כלומרשטען שוץ פון די „טרייע אנהענגער פון דער יודישער רעליגיע" שטיצט די „רייכספאסט" דעם געדאנק פון א סעפאראטער ארטאדאקסישער קהלה.

דער פרעזעס פון דער ווינער קהלה ד"ר פרידמאן האט אין א געשפרעך מיט דעם ווינער יט"א-פארשטעהער אויסגעדריקט זיין שטעלונג צו־ליב דעם. וואס די „רייכספאסט" האט ערהאלטען דעם מעמאריאל פון דער „שיף-שוהל" פריהער ווי די ווינער קהלה-פערוואלטונג.

לויט דער מיינונג פון דר. פרידמאן קען די פאדערונג פון „שיף-שוהל" אויפ'ן גרונד פון די פערפליכטענדע געזעצען נישט בעריקזיכטיגט ווע־רען. עס איז אויך קוים וואהרשיינליך, אז די רעגירונג זאל זיך ענטשליסען צו ענדערען די גע־זעצע צוליב א נישט-בעדייטענדער גרופע.

ווין (יט"א) די ווינער פרעסע זעצט פאר א שארפע אנטי-יודישע אגיטאציע און די מיטינגען פון „אנטיסעמיטענבונד" טרעפען נישט אן אויף קיין שום שטערונג מצד דער מאכט.

די יודישע בעפעלקערונג איז שטארק בע־אונרוהיגט צוליב דעם וואוקס פון דער נאצי־פרעסע אין ווין, וואס פאלט זיך צונויף מיט דער בולט פרא-היטלעריסטישער שטעלונג פון דער רעגירונגס-פרעסע.

Dr. med.

B. Robinson

אינערליכע און קינדער-קראנקהייטען

Piotrkowska 10, tel. 131-86

נעמט אן פון 2—4 נאכמ. און פון 6—9 אוו.

„נייער פאלקסבלאט"

ה' ראזענבערג נעמט דאס ווארט

דער נאצישער פובליציסט מיט דער נשמה פון א צארישען אכראניק

פון מיליאנען עקזעמפלארען, איבערזעצט אין די פערשידענסטע שפראכען פון דער וועלט, לאזט אלפרעד ראזענבערג, וועלכער איז דורכן „פיהרער" פון דייטשען פאלק בעשטימט געווארען פארן קולטורען-ערציהער פון יונגען דור, פערשפרייטען דעם בעריהמטען פאמפלעט זיינעם „די פראטאקאלען פון די זקני ציון". עס ווערען דערביי אויסגעגעבען ריזיגע סומען געלד, דאס בוך און ראזענבערגס קאמענטארען דערצו ווערט בעשיקט און פערשפרייט אין די פערווארפענסטע ווינקעלעך פון דער וועלט, אין אלע לענדער, אפילו אין די וויסטע, אין די קאלטע און אין די עקזאטישע.

אינ'ם פראצעס וועגען די זקני-ציון-פראטאקאלען, וועלכער האט זיך געהאט אנגעהויבען אין דער שווייץ, און איז שפעטער איבערגעריסען געווארען, כדי איינציכען ווידער בעניט צו ווערען, זעהט דער הער ראזענבערג א גרויסע סכנה פאר זיין גאנצער אקציע. ווי ס'איז צו דריגגען פון זיינע שרייבעכצען, איז ער זיכער, אז דאס שווייצארישע געריכט וועט ארויסטראגען אנ'אורטייל, וועלכער וועט די פראטאקאלען אנערקענען פאר א לעכערליכען און נארישען פאלסיפיקאט.

כדי אויסצומיידען דאס ווייטערדיגע פיהרען פון פראצעס, ד. ה. כדי צו צווינגען די יודישע פערטרעטער זיי זאלען צוריקציהען פון געריכט זייערע אנקלאגעס געגען די שווייצארישע פערשפרייטער פון די פראטאקאלען, האט ראזענבערג אנגעהויבען צו דרוקען אין „פעלקישען בעאבאכטער" א סעריע ארטיקלען.

די ארגומענטאציע פאר דער עכטקייט פון די פראטאקאלען, מיט וועלכער ראזענבערג טרעט ארויס, איז אבער אזוי שוואך און אזוי ממש גראביונגעריש, אז זי מאכט פונקט א פערקעהרטען איינדרוק, איידער דער, וועלכען ס'ווינשט זיך דער נאציסטישער גאון.

עס ווייזט אויס, אז ראזענבערג פערשטייט דאס, ווייל אין זיין צווייטען ארטיקעל וועגען די פראטאקאלען „די טריומף-רעדע פון ציוניסטישען פיהרער ווייצמאן", פערפיהרט ער אנ'אפענזיווע געגען די ציוניסטען, וועלכע ער בעשולדיגט, אז דאס האבען זיי גענומען א דירעקטען אנטייל אין משפיע זיין די אלוועלטליכע פאליטיק, כדי צו דערגרייכען געוויסע געהיימע צילען פון די יודען.

אין זיינע שרייבעכצער ליגען בעהאלטען גאנץ דורכזיכטיגע דראהונגען; עס מאכט דעם איינדרוק, אז הער ראזענבערג גלויבט, אז איהם וועט געלינגען צו טעראריזירען די ציוניסטען אין דייטשלאנד און צווינגען זיי צו מאכען אלע בעמיהונגען, אז די יודישע קהלות אין דער שווייץ זאלען צוריקציהען פון געריכט זייער אנקלאגע געגען די היטלעריסטישע אגענטען אין דער שווייץ.

ראזענבערג הויבט אן זיין צווייטען ארטיקעל מיט א פאלשער פעסטשטעלונג: „אונטער'ן פארזיץ פון לארד ראטשילד איז אין יאהר 1921 פארגעקומען דער יודישער וועלט-קאנגרעס אין קארלסבאד". אזא גראבע אמעראצעס ערלויבט זיך דער נאציסטישער גאון און טעארעטיקער, אנ'אמעראצעס, וואס פאסט פאר א בישטיגען טיפש, ווייל ס'איז דאך א זאך, וואס קאן דורך יעדען איינציגען נאכגעזעהן און נאכקאנטראלירט ווערען.

פונקט אזוי פאלש, ווי אט די בעהויפטונג, איז די גאנצע ארגומענטאציע אינ'ם ארטיקעל. ראזענבערג פיהלט ממש א בעדערפעניש צו בעפעסטיגען זיין אמעראצעס מיט דער אויטאריטעט פון היטלער'ן, ווייל צווישען די שורות פון זיין איינגעבעם שרייבעכץ מישט ער אריין אנ'אויסצוג פון היטלער'ן, געדרוקט מיט פעטער שריפט:

„ווען די שנאה פון די יודיש-נאציאנאלע בעוויקאט-העצער איז א פאנאטישע, דאן מוז די ליבע פון יעדען איינציגען צו זיין פאלק ווערען נאך צעהן טויזענד מאל שטארקער.

אויפ'ן דאזיגען ארטיקעל האט די „יודישע רונדשוי" געענטפערט מיט א לייט-ארטיקעל: „יודישע וועלט-פאליטיק"? אין דעם ארטיקעל פרובט די דייטשע צייטונג פון די יודען אין נאצי-לאנד, אויף וויפיל זי קאן זיך איבערהויפט דאס ערלויבען און שרייבען אינ'ם פערשטעלטען צענזור-לשון, קלאהר צו מאכען דעם ווירקליכען זין פון ראזענבערגס שרייבעכצער.

דער ארטיקעל אין דער „יודישער רונדשוי" רעדט ארום די פראגע, פארוואס זאגען די יודען ערשט איצט ארויסגעטראטען מיט א פראצעס געגען די פראטאקאלען. די צייטונג דערמאנט, אז דער בעקאנטער דייטשער פובליציסט גראף רעווענטלאוו האט נעהאט בעהויפט, אז דער מחבר פון די פראטאקאלען איז געווען אחד העם. אחד העם האט רעווענטלאוו'ן איינגעקלאגט אין געריכט. דאס געריכט איז פארגעקומען אין בערלין דעם 19 אפריל 1923, און רעווענטלאוו האט מיט בעדויערען צוריקגעצויגען זיין בעשולדיגונג. די „רונדשוי" דערמאנט ווייטער, אז אפילו דער צאר האט געהאט די פראטאקאלען פערבאטען אלס פעלשונג (וואסער פערביסענער און פינסטערער אנטיסעמיט ניקאלאי איז געווען איז פון לאנג בעקאנט) ענדליך ווערט דערמאהנט א גאנצע סעריע ארטיקלען, וואס זענען געווען געדרוקט אין לאנדאנער „טיימס" און וואו ס'איז שווארץ אויף ווייס אויסגעוויזען געווארען די גאנצע פאלשקייט און געמיינקייט פון דער פראוואקאטארישער מחברישער טעטיגקייט.

פאר אזא „געלעהרטען" אבער ווי אלפרעד ראזענבערג האבען די אלע ארגומענטען קיין ווערט נישט, ווייל מיט וואס אונטערשיידט זיך אייגענטליך א נאציסטישער פאלימישער שרייבער פון א צארישען אכראניק, מיט וואס זענען זיינע מיטלען, מעטאדען און צילען בעסער און העכער? פאר איהם איז דאס ביסעל מלאכה פון די „אכראניקער" א געבענשט און געוואונשען מאטעריאל.

פערברעכנס אין ארץ=ישראל

דאס ראמאנטישע, פערליבטע יונגע מיידעל

אויב עמיצער וויל פאהרען מיטן מארגען צוג פון חיפה קיין תל=אביב, מוז ער ארויסגיין פונדערהיים פאר 6 א זייגער אינדערפריה. אמת, די שטאדט הויבט זיך אויף גאנץ פריה, ס'פאהרען ארויס ריזיגע אויטאבוסען, אויף ראוערס פליהען די פערקויפערס פון צייטונגען, פון מילך, פון ברויט, אבער די רעסטאראנען און די קאפעען, וועלכע ווערען זעהר שפעט פייגאכט געשלאסען, ווערען געעפענט א ביסעל שפעטער, די ברויט-פערקויפערס געפינען דעריבער נאך די טירען פון די אנשטאלטען פערמאכט. דאס ריהרט זיי נישט און זיי לייגען אויס דאס ברויט פאר די טירען. ליגען זיך אזוי פאר די טירען לעבליך ברויט און זעמעל אדער גאנצע קוישען אהן יעדער אויפזיכט. מ'הערט אבער קיינמאל נישט, אז עמיצער זאל דא עפעס צוגנבענען, מ'מוז אבער צוגעבען, אז נישט לאנג האט די פרעסע וועגען דעם געשריבען, אבער אין אנ'אנדער צוזאמענהאנג, דהיינו, די בלעטער האבען אנגעוויזען, אז אין ברויט און אין די זעמעל שלאפען זיך איבער קעץ, און האבען געווארענט דאס געבעקס אביסעל מעהר אפצוהיטען.

מ'דארף אבער נישט מאכען קיין צו איילעוודיגע אויספיהרען, מ'דארף קיינעם נישט ראטען, וואס וואוינט אין פארטער, צו שלאפען ביי אפענע פענסטער, אבער אין גרעסטען טייל פאלען אויב מ'האט בשעת מעשה געכאפט א גנב, איז דאס געוועהנליך געווען אנ'אראבער. פון דער אנדערער זייט איז נישט בעקאנט אין א"י דער מנהג צו פערמאכען די טויערען פון די הייזער 10 א זייגער אין אווענד. אין א"י פערשליסט מען בכלל נישט די טויערען, ווייל קיין טויערען זענען אין גרעסטען טייל הייזער נישטא, און דארט, וואו ס'איז יא דא א טויער, דארט איז זיכער קיין וועכטער נישטא. קיין בעזונדערע חכמה'דיגע שליסלען ווערען געוועהנליך נישט בענוצט.

וואס מ'גנבעט יא אין א"י – איז געלד. געלד, וואס מ'האלט אינדערהיים, ווערט אפט פערשוואונדען ווי אין וואסער אריין, אבער אויך דאס קומט פאר גאנץ זעלטען, ווייל ווער האלט דא געלד ביי זיך? ס'איז אבער אינטערעסאנט, וואס אין תל אביב איז פאראן א פאבריק פון אייזערנע קאסעס, וואס פראספערירט, וועלכע אויס, גארנישט קשה.

עס קומט אפט פאר פערברעכנס, אנפאלען אין אפילו רויבען, פערמאסקירטע באנדיטען פאלען אן אויף אויטאמאבילען, ביי די בעדואינער ווערען די רויבער פערעהרט ווי אין די גוטע צייטען פון אמאל.

הריגות צווישען די אראבער, קומען אפטער פאר אויפ'ן ראמאנטישען באדען. אנ'אראבער ערמארדעט די פרוי, וועלכע ער פערדעכטיגט אין פעררעט, אפילו די הארבסטע שטראפען פון די געריכטען, אפילו די תליה האט נישט געקאנט ווירקען אויפ'ן מנהג פון ערמארדען די פרוי, וועלכע ווערט פערדעכטיגט דורכ'ן אראבער, אז זי פעררעט איהם, מעג זיין, אז דער פערדאכט איז א גאר פאלשער. דער דאזיגער מין פערברעכנס איז פערשפרייט שטארק אין די דערפער, זעלטענער אין די שטעט.

נישט לאנג צוריק איז פארגעקומען א פערברעכען, וואס האט אויפגערודערט דעם גאנצען יודישען ישוב.

די 16=יעהריגע טאכטער פון א בעקאנטען קונסט-מאלער האט זיך פערליבט אין א בעקאנטען ארטיסט פון „הבימה". אבער דער ארטיסט איז א פערהייראטער, די פרוי זיינע געפינט זיך אפילו אין אנדערע אומשטענדען. דאס מיידעל איז געווען אזוי שטארק פערליבט, אז זי האט נישט געפונען קיין אנדער אויסוועג, ווי קומען צום ארטיסט אינדערפריה אין דער וואוינונג אריין; דארט האט זי געטראפען די פרוי פון ארטיסט און אהן א ווארט צו זאגען, האט זי דער פרוי טיף אריינגעשטאכען א מעסער אין פלייצע. דאן איז זי אוועק אויף א פראבע אין טעאטער און נעהייסען דעם מאן אהיימגעהן צו זיין פרוי. דערווייל איז צו דער פרוי ארויסגערופען געווארען א דאקטאר, וועלכער האט די שווער-פערוואונדעטע באנדאזשירט און אפגעפיהרט אין שפיטאל. די פערוואונדעטע איז ממש ע"פ נס גערעטעוועט געווארען, זי האט אויך געהאט א געזונד קינד.

דאס פערליבטע מיידעל איז ארעסטירט געווארען. אויפ'ן פערהער האט זי ערקלערט, אז זי גיט זיך אפ א קלארען דין וחשבון פון דעם, וואס זי האט געטון, אבער זי האט געהאלטען פאר איהר חוב צו בעזייטיגען די מניעה פון איהר וועג.

די עקספערטיזע האט פעסטגעשטעלט, אז די ארעסטירטע איז א היסטעריש ווייזען, אז מ'דארף איהר אפגעבען אין א הייל-אנשטאלט אין אויסלאנד, וואו זי וועט מסתם געזונד ווערען. דאס געריכט האט זיך אבער געשטעלט אויפ'ן שטאנדפונקט, אז דאס מיידעל איז דעם מארד בעגאנגען מיט פרעמעדיטאציע, אז היסטעריע גיט נאך קיינעם נישט דאס רעכט צו בעגעהן מארדטאטען, אז דאס מיידעל איז נישט משוגע, אבער נעהמענדיג אין אכט איהר עלטער, האט איהר דאס בעריכט פערמשפט אויף 6 חדשים טורמע. די שטראף איז נישט קיין הויכע, ס'איז אבער א פראגע, צי וואלט ווירקליך נישט גלייכער געווען דאס מיידעל צו געבען אין אנ'אנשטאלט פאר פסיכיש קראנקע, ווייל דאס זיצען אין טורמע וועט זיכער איהר נישט אויסבעסערען.

מ'דארף נישט פערגעסען, אז דער געבראכטער פאל איז גאר אנ'אויסנאהמליכער, א גאר זעלטענער.

יודען אויפ'ן ווייטען מזרח

גרויסע אויפלעבונג ארום סאוויעטען-צוזאמענפאהר אין בירא=בידזשאן

ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט, איז נעעפענט געווארען דער ראטען-צוזאמענפאהר פון דער יודישער אויטאנאמער געגענד אין בירא-בידזשאן. די צוגרייטונג צום צוזאמענפאהר איז געווען גאר א שטארקע. די יודיש-סאוויעטישע פרעסע האט זיך פאר דער לעצטער צייט פערנומען כמעט אויסשליסליך מיט בירא-בידזשאן. וועגען דעם ענין זענען אפגעדרוקט זעהר פיל אויספיהרליכע ארטיקלען.

מ. פ. כאווקין, דער סעקרעטאר פון ארגבירא פון דער יודישער אווטאנאמער געגענד, פאדערט אין זיין ארטיקעל „קולטורעל צו בעזעצען און בעדינען די איבערוואנדערער", „קוואליפיצירטע קאדערס פאר די אינדוסטריע=אונטערנעמונגען", „אויספילען דעם היי-יעהריגען איינדפינספלאן", „אויפמערקזאמקייט דער קוסטאר - אינדוסטריע", „באלשעוויסטישע טעמפען דער לאנדווירטשאפט פון דער געגענד", אנטוויקלען די פיהצוכט", „העכסטע שטופע פון דער סאוויעטישער נאציאנאליטיק וועגן אט דעם לעצטען פונקט זאגט כאווקין אט וואס:

„... די בעשטימונג וועגען שאפן די יודישע אויטאנאמע געגענד איז נישט קיין הוילע דעקלאראציע, נאר א רעאלער טאט צו פערווירקליכען די העכסטע שטופע פון דער סאוויעטישער נאציאנאלער פאליטיק בנוגע די יודישע ארבייטענדיגע — די ארבייטענדיגע פון דער סאמע גערודפטער און רעכטלאזער נאציאנאלער מינדערהייט ביים צאריזם און קאפיטאליזם. דאס וואס פאר דער יודישער אויטאנאמער געגענד איז אויסגעטיילט איינע פון די רייכסטע טעריטאריעס אויף אונזער ווייטען מזרח, דאס וואס מיט דער יודישער געגענד פערנעמט זיך דאס גאנצע לאנד, דאס וואס מיט דער בויאונג פון דער געגענד שענקט אזוי פיל אויפמערקזאמקייט דער צ"ק און די סאוויעטישע רעגירונג, דאס וואס מיט דער דאזיגער בויאונג פיהרט דירעקט סטאלין אן דער ווייטמזרחדיגער קאנטקאמער פון דער פארטיי בראש מיטן אנפיהרער פון די ווייטמזרחדיגע באלשעוויקעס לאווורענטיעוו — איז די בעסטע גאראנטיע, אז די יודישע אויטאנאמע געגענד וועט אין א מאקסימאל קורצער צייט זיין אימשטאנד אריינצונעמען אין זיך גאר=גרויסע קאמפאקטע יודישע ארבייטענדיגע מאסען, אויסצובויען א מעכטיגע סאציאליסטישע עקאנאמיק, א הויך-ענטוויקעלטע נאציאנאלע קולטור, ווערען א פארגעשריטענע און בליענדיגע געגענד אויפ'ן ווייטען מזרח און אינעם פערבאנד פון סאציאליסטישע ראטענרעפובליקען".

א טאדזשיעוו, דער סעקרעטאר פונ'ם נאציאנאליטעטען-ראט ביים צי"ק פון ראטענפערבאנד, מאכט א שטיקעל חשבון:

אויף די ספעציעל אויסגעטיילטע פאנדען און קאלווירטען פון קרים, אוקראינע און ווייס=רוסלאנד און אין אנדערע געגענדען זענען פערפעסטיגט 75 טויזענד יודען-קאלווירטניקעס, צעהנדליגער טויזענדער יודישע יוגענדליכע זענען אריינגעפיהרט געווארען אין די גרעסטע אונטערנעהמונגען, די דורכגעפיהרטע מאסמיטלען פאר עקאנאמישער איינארדנונג פון די שטעטלעך האבען אויך פערבעסערט די לאגע פון די שטעטלדיגע הארעפאשניקעס א.א.וו. און שטרייכט אונטער, אז „די יודישע אויטאנאמע געגענד מיט איהרע קאלאסאלסטע וואלד-מאסיווען און רייכער טייך-סיסטעם, מיט איהרע גרויסע רעזערווען אייזענארץ, קויהלען א.א. מינעראלען, האט די גרעסטע מעגליכקייטען פאר א ווירטשאפטליכער און קולטורעלער ענטוויקלונג".

דער יוריש-סאוויעטישער פובליציסט פ. שפראך רופט, ווי געוועהנליך, צו זיין וואכזאמער צום „אידעאלאגישען קאמף אין דער יודישער אויטאנאמער געגענד", וואס דאס הייסט – פון איין זייט „אויסוואָרצלען די שפורען פון נאציאנאליסטישער „עקזאטיק" און פון דער אנדערער זייט „געגען לינקאטשיש'ן איגנארירען די נאציאנאלע פארם". וועגען אט די לינקאטשעס, וואס מיינען, אז קעמפענדיג געגען נאציאנאליזם, דארף מען צוזאמען דערמיט ארויסווארפען איבער'ן פארט אלץ, וואס איז נאציאנאל", פערדרופט זיך שפראך אויף סטאלינ'ען, וועלכער האט נאך אין 1923 אויף א בעראטונג פון פעראנטווארטליכע טוער פון די נאציאנאלע רעפובליקען און געגענדען געזאגט, אז אויב זיי וועלען נישט פערריכטען די פעהלער, קאנען זיי ווערען די סאמע געפעהרליכסטע אפנייגלער אין די געגעבענע נאציאנאלע געגענדען און רעפובליקען.

אבער גיי ווייס, וואו מען האט צו טון מיט „שפורען פון נאציאנאליסטישער עקזאטיק" און וואו עס הייבט זיך אן די „נאציאנאלע פארם", וואס די לינקאטשעס איגנארירען. לאמיר אבער האפען, אז ביי דער מציאות פון גרויסע קאמפאקטע יודישע מאסען אויף דער טעריטאריע פון בירא-בידזשאן וועט סוף כל סוף ווערען דער געהעריגער נאציאנאלער סינטעז.

דער ערשטער ראטען-צוזאמענפאהר פון דער יודישער אויטאנאמער געגענד וועט געפינען די מיטלען, ווי אזוי צו מעגליך מאכען די מיטווירקונג פון די יודישע פאלקסמאסען ביים אויפבוי פון בירעבידזשאן דורך שיקען אהינצו פיאנערען פון צווישען די קוואליפיצירטע ארבייטער און אינטעליגענץ.

צוריק צו די בערג פון ארץ־ישראל

אין אונזער קאלאניזאציאנס־ארבייט אין ארץ־ישראל האבען מיר תמיד ליב צו נעהען אין איין אויסגעטרעטענעם וועג. אויב ראובן, שמעון און לוי פלאנצען פרדסים, איז שווער אפצורייסען יהודה'ן פון א פרדס, אזוי ווי מען וואלט גוזר געווען פון הימעל, אז אלע יודען מוזען זיין פרדסנים.

דורך דעם זענען מיר געקומען צו דער מאדנער לאגע, אז מיר האבען כמעט אונזער גאנצער ווירטשאפט געשטעלט אויף דער ריזיקע פון איינאיינציגער פרוכט. איבער 200 טויזענט דונאם זענען שוין פארפלאנצט מיט אראנזשען און אין עטליכע יאהר ארום וועלען זיי געבען 20 מיליאן קעסטלעך און אפשר מעהר, אנשטאט היינטיגע 6 מיליאן. און אזוי ווי אראנזשען קען מען פלאנצען נאר אויף ספעציעל געאייגנעטען באדען, האט אונזער לויפעניש נאך פרדסים געבראכט דערצו, אז דער באדען איז מורא'דיג טייער געווארען און איז געשטיגען צו שפעקולאטיווע אונבעהערטע פרייזען.

לויט די אפיציעלע סטאטיסטיק פון דער יודישער אגענץ האט ארץ־ישראל מיט איהרע שכנות'דיגע לענדער אויסגעגעבען אין יאהר 1933 איבער דרייפערטעל מיליאן פונט אייצוקויפען אין אויסלאנד פערשידענע פרוכטען. אין דאזיגען חשבון געהן נישט אריין קאנסערווירטע פרוכטען, וועלכע זענען אויך אימפארטירט געווארען נאך ארץ־ישראל אויף א סומע פון איינציגע צעהנדליגע טויזענד פונט.

עס פרעגט זיך אלזא א פשוטע פראגע: פארוואס זאלען מיר נישט איינשפארען אזא געוואלדיגע סומע און אליין פלאנצען די אלע פרוכטען פאר אונזער געברויך?

פארוואס זאלען מיר נישט אויסנוצען די בערג, וועלכע זענען ווי ספעציעל בעשאפען גע־

וואַרען פאר דעם דאזיגען צוועק?

פון די פיל עקספערימענטען וואס די ציוניסטישע לייסונג האט געמאכט אין קרית ענבים, און וואס איינצעלנע קאלאניסטען האבען געמאכט אין מוצא, עטרות אא"וו קען מען פאקטיש זעהן, אז עס איז פערהאן א מעגליכקייט צו פלאנצען אויף די בערג פערשידענע פרוכטען, וועלכע קענען אריינטראגען א גאר גרויסע הכנסה.

דערביי איז צו געדענקען, אז צו בעארבייטען א דונאם פרוכט־בוימער, קאסט נישט מעהר ווי 3 פונט יעהרליך און־יענער. וואס לייגט צו איי־גענע העבד, קאן אויך פון די דאזיגע הוצאות איינשפארען מעהר ווי דריפערטעל הוצאות.

מיט אט דעם, וואס מיר קעהרען זיך צוריק אין די בערג, איז נישט נאר. וואס מיר צאהלען אפ אנ'אלטען חוב צו דער הייליגער ערד פון אונזערע אבות אבותינו. נאר מיר טרעטען אויך ארויס א וועג פאר א נייער בילינער און געזונטער קאלאניזאציע. דער קלימאט פון דער בארג־געגענד איז פיל מעהר צונעפאסט פאר נייע עולים. די, וואס זענען ערצויגען געווארען אין לענדער מיט א קאלטען קלימאט.

אויף די בערג איז די לופט שטענדיג קיהל און פריש און אויב מען פערגלייכט די קינדער פון מוצא און קרית ענבים צו די קינדער אין די נידריגערע געגענדען, קען מען זעהן בעשיינפערליך ווי די ערשטע זענען העכער, געזונדער און קרעפטיגער, דאנגעגען ליידט כמעט יעדער ניי־אנגעקומענער, זומער־צייט, אין די נידריגע פלאכע געגענדען פון לאנד פון די שטיקענדע לופט.

עס געהט איצט טאקע דער רוף: צוריק צו די בערג פון ארץ־ישראל.

אינזש. יצחק זשעלינסקי.

אונטערז איינפלוס פון דער לבנה

ווערעז בעגאנגעז משונה'דיגע טאטעז און פערברעכענס

אז די לבנה האט א שטארקע איינפלוס אויף דעם געמיט פון מענשען האט מען געוואוסט נאך פון די אור־אלטע צייטען. אין ליכטיגע לבנה־נעכט האבען גרויסע מענשען זיך אויפגעפיהרט זאנ־דערבאר, אויסערגעוועהנליך, אפט זאגאר אגעטען משונה'דיגע זאכען, אפילו פערברעכענס, מארדען. קיין ערקלערונג פאר אזעלכע אויפפיהרונגען האט מען נישט געהאט. אין די אמאליגע פינסטערע צייטען, אין נישט־ציווילזירטע לענדער, האבען זיך פערשפרייט אלערליי סארטען אפערגלויבענס וועגען דעם. א סך פון די דאזיגע אפערגלויבענס און באבע־מעשיות זענען פערבליבען נאך עד היום, אפילו אין אונזערע ציווילזירטע לענדער.

אבער היינטיגע צייטען, ווען מען זוכט אלעס צו ערקלערען אויפ'ן וויסענשאפטליכען אופן, קען מען זיך נישט בעגנוגענען מיט די אלטמאדישע בעגריפען וועגען דער דאזיגער ערשיינונג, די ווירקונג פון לבנה־שטראהלען אויף דעם גייסטיגען צושטאנד פון געוויסע סארטען מענשען. פרובירט איצט די וויסענשאפט צו געפינען אנ'ערקלערונג פאר דעם.

מיט עטליכע וואכען צוריק האט אין ענגלאנד פאסירט א שרעקליכער מארד. א יונגערמאן 27 יאהר אלט, האט איבערגעשניטען זיין געליבטע דעם האלז, אלס מורדען. האט ער אנגעגעבען, אז די לבנה האט איהם געבראכט צו טון עס. ס'איז געווען א ליכטיגע לבנה־נאכט, א פולע לבנה האט געלויכטען. האט ער זיך געפיהלט עפעס מאדנע. די געליבטע איז געקומען לעבען איהם, האט ער געכאפט און ערמארדעט זי.

מיט א קורצער צייט פאר דעם האט א יונגעל געכאפט שטעכען זיין חבר, מיט וועלכען ער האט זיך געשפילט. דאס איז אויך געווען אין א לבנה־נאכט. דעם דאזיגען יונגעלס פאטער האט ער־קלערט, אז יעדעס מאל, ווען אין הימעל לויכט א פולע לבנה, ווערט זיין זוהן עפעס מאדנע פער־ענדערט און געהט אריין אין א מערקווירדיגע שטימונג.

א פראסטער ארבייטער, 37 יאהר אלט, איז געבראכט געווארען אין א געריכט, אין ענגלאנד, אויף דער קלאגע, אז ער האט אטאקירט דריי פרויען אין איין נאכט. האט דער דאזיגער ארבייטער דערציילט, אז יעדעס מאל, ווען א פולע לבנה שיינט אין הימעל, פיהלט ער, אזוי ווי ער ווערט פערריקט און ווייס נישט, וואס ער טוט.

אזעלכע פאלען זענען נישט גאר קיין זעלטענהייט, מ'רופט עס אן א לבנה־שטיך, פונקט ווי ס'איז פערהאן זונען־שטיך. מיט דעם אונטערשיד, וואס פון א זונען־שטיך ווערט דער קערפער אפגעשוואכט, פער'חלש'ט, און פון א לבנה־שטיך וויל מען האבען, ווערט דער גייסט אנגעריהרט.

אפט זוכט מען מיט דעם צו פערענטפערען די פערברעכער פאר זייערע טאטען.

צו פרובירען ערקלערען יעדע פערברעכען, וואס ווערט בעגאנגען אין א לבנה־נאכט, בלויז מיט דער ווירקונג פון לבנה־שטראהלען, וואלט פער שטעהט זיך, געווען לעכערליך. עס איז אבער א פאקט, וואס ווערט אלגעמיין אנערקענט, אז די לבנה־שטראהלען האבען ווירקליך א געוואלדיגע ווירקונג אויף געוויסע סארטען באטוריען. עס איז דאך גוט בעוואוסט, אז נאכט־וואנדלער, וואס שפאצירען אין שלאף און ווייסען נישט וואס מיט זיי קומט פאר, טוען עס אין ליכטיגע לבנה־נעכט אונטער דער ווירקונג, פון די לבנה־שטראהלען. מ'ווייזט אן, אז דער ווארט „לונאטיק" קומט אויך פון דעם בעגריף, אז דער דאזיגער מענש איז געריהרט געווארען פון דער לבנה („לונא" מיינט לבנה אין פיל שפראכען).

איינגע וויסענשאפטסמענער מאכען אזא ערקלערונג: די לבנה ווי בעקאנט, האט א שטארקע ווירקונג אויף געוויסע פלאנצען און בידעריגע סארטען בעשעפענישען. אין לבנה־נעכט וואקסען שנעלער און שטארקער גראזען. אויך געוויסע סארטען פישען און ים־בעשעפענישען ווייזען ארויס טעטיגע ענדערונגען אין לבנה־נעכט. זיי לייגען אייער און פרוכפער'ן זיך נאר, ווען די לבנה שיינט. דער בעריהמטער גריכישער פילאזאף אריסטאטעל, וועלכער איז געווען דער גרינדער פון דער וויסענשאפט ביאלאגיע. האט נאך מיט א דרייטויזענט טויזענד יאהר צוריק געוויזען אין זיינע אויספארשונגען, אז געוויסע פישען און ים־חיה'לעך ביי די ברעגען פון גריכענלאנד ווערען דיקער אדער גרעבער לויט די ענדערונגען אין דער לבנה. ביי א פולער לבנה ווערען זיי גרעסער און פערמעהרען זיך שטארקער.

היינטיגע באטור־פארשער ווייסען אויך פון א סך אזעלכע זאכען. געוויסע ים־ווערים אין די דרום־דיגע וואסערען פון פאסיפישען אקעאן פרוכפערען זיך נאר אין נעכט, ווען א פולע לבנה שיינט. אויך איינגע סארטען קאראלען בויען זייערע קאלאניעס אין ים נאר אין לבנה־נעכט.

עס איז אויך בעוואוסט, אז א סך סארטען באק־צילען פערמעהרען זיך שטארקער אונטער די שטראהלען פון דער לבנה.

אלזא, זאגען וויסענשאפטסמענער, אויב די לבנה האט א שטארקע ווירקונג אויף פישען און אנדערע ים־בעשעפענישען, איז די דאזיגע איינגע־שאפט אריבער בירושה צום מענשען. מיט הונדערטע מיליאנען יאהר צוריק זענען דאך אלע בעשעפע־נישען ביי אונז אויף דער ערד געווען בלויז אין די וואסערען, אין די ימ'ען. פון די דאזיגע ים־בע־שעפענישען, פיהרען די נידעריגערע און שפעטער די העכערע, ווי די מאלפעס און נאכדעם דער מענש.

דער מענש האט געקריגען בירושה א סך איינגע־שאפטען פון פערשידענע חיות, אפילו די נידעריג־סטע, און פון די פישען. ווערט ער אויך בעאיינ־פלוסט פון לבנה־שטראהלען, פונקט ווי אנדערע נידעריגערע בריאות.

אנ'ערקלערונג איז דאס, אבער ווי אזוי די שטראהלען ווירקען אויף דעם מענשענס בעהירען, זיין געמיט, זיין גייסט — דאס פאדערט א בעזונדער ערקלערונג.

די זינדיגע

דראמאטישע פאסירונג איז דעם לעבעז פוז א מוטער און טאכטער

פוז ב. י. גאלדשטיין

6)

— ט —

אין דער אליינער וואך איז פון בעלא אזוי א תל געווארען, אז ס'איז איהר שווער געווען צו דערקענען. ביינטען האט געזעהען די שרעקליכע ענדערונג און עטליכע מאל אנגעהויבען זי אויס־צופרעגען, געוואלט דערגעהן וואס מיט איהר איז פאר־געקומען, אבער האט נישט געוואגט. ער האט זי גאר געוואָרענט, אז ער וועט זי מיט געוואלד בעמען צו א דאקטאר. שפעטער האט ער געבעטען, אז זי זאל איבערלאזען אלץ און אלעס און אוועקפאָה־רען אויף א האטשע ביז זי וועט קומען צו זיך.

ענדליך האט ער בעשלאסען, אז ער וועט אהיימקומען, זי אריינגעמען אין זיין קאבינעט און פשוט נישט ארויסלאזען ביז זי וועט איהם נישט דערציילען דעם גאנצען אמת, וואס עס פערביטערט אזוי איהר לעבען, און וואס האט געמאכט אזא שרעק־ליכע ענדערונג אין איהר אויסזעהן און געזונד. ער זעהט די פרוי געהט איין פון טאג און ער מוז עפעס טון.

אבי'ם קאבינעט האט ער לאנג נישט בע־דארפט אריינטענה'ן מיט בעלא'ן. איהר אליין איז אויך נמאס און שרעקליך שווער געווארען ארומצו־טראגען זיך מיט איהר איצטיגען אומגליק און סוד זי קען מעהר דאס עלענדקייט נישט אריבערטראַ־גען. זי מוז אימיצען דערציילען דעם אמת, אראפ־רעדען זיך פון הארצען, און אימיצען, א פריינד מיטצונעמען מיט זיך אויף איהר וועג צו העלפען איהר קינד און איהר איצטיגער שווערער צייט...

קאלט, רוהיג, מיט געצעהלטע און אפגעהאקטע פראזען האט זי פאר ביינטע'ן אויסדערציילט דעם גאנצען אמת: „אונזער קינד איז אין אנ־אומגליק אריינגעפאלען... מיר מוזען איהר העל־פען!" און זי האט מיט די אויגען געהייט זיינע מינעס און זיין איטליכע בעוועגונג.

ביינטען האט אויסגעהערט מיט א געמאכטער רוהיגקייט אלץ, וואס בעלא האט איהם דערציילט. ער האט זיך מיט קיין איין וואָרט נישט אריינגע־מישט אין איהרע רייד, נאר ווען זי האט געענדיגט, האט ער זיך מיט דערוועלבער געמאכטער רוהיג־קייט אויפגעהויבען פון ארט, איז צוגעגאנגען נאהנט צו בעלא'ן, און אוועקלייגענדיג זיין האנט אויף איהר קאפ, האט ער שטיל געזאגט:

— באבאלעמען, בעלא, אז זי נישט אונזער קינד. מיר האבען פאר איהר געזארגט זעכצען זיבעצען יאהר. זי איז איצט א דערוואקסענער מענש, זי איז מעהר נישט קיין קינד. זי קען זיך איצט אליין פערזארגען. ווען זי וואלט אפילו גע־ווען מיין אייגען קינד און איך זאל זי ליב האבען ווי מיין לעבען, וואלט איך אויך אצינד געפענט די טיר פאר איהר און איהר געהייסען געהן צו דעם מאן, וואס דארף ווערען דער טאטע פון איהר ממזר... איך וואלט זי אין שטוב מעהר א רגע נישט געהאלטען... ווער שמועסט אז דזשוליא איז נישט מיין קינד, און קיין גרויסע ליבע צו איהר טראג איך אויך נישט ביי זיך אין הארצען... איך וויל זי ביי זיך אין שטוב מעהר נישט האבען! זי דארף געהען! זי דארף געהען צו דעם מאן!... און אויב זי וועט וועלען מיט איהם הייראטען, וועלען מיר איהר העל־פען מיט געלד, אבער מיט דעם האט זיך עס געענדיגט!

— און ווי וואלט געווען ווען איך זאג דיר, אז אויב דזשוליא געהט אוועק פון שטוב, וועל איך. איהר נאכגעהן ?...

ביינטען איז געבליבען שטעהן א פערגליווערטער, א ציטער געטאן און דאן, צאפלענדיג זיך, א זאג־געטאן:

— אבער דאס איז דאך אונמעגליך! דו וואלסט אוועקגעגאנגען אציבד, אין די יאהרען, פון מיר דעם־פאר, וואס א ממזר געהט האבען א ממזר ?...

— יא!

איהר „יא" איז געווען שארף און אפגעהאקט ביינטע האט דערפיהלט, אז בעלא מיינט דאס וואס זי זאגט.

— אבער ווארום ? פארוואס ?

— דערפאר... מיין קינד, מיין בלוט און פלייש...

— אך, דאס איז א ליגען ! דו ווילסט מיר דערציילען אזא געשיכטע, כדי איך זאל ווייכער ווערען... בעלא, איך ווייס, אז זי געהער זיך אן מיט דיר פונקט אזוי־פיל ווי מיט מיר.. איידער די ברוטמאן איז געשטארבען, האב איך מיט איהר גערעדט און זי האט מיר געזאגט, אז דאס קינד איז איהרס אנ'איניקעל ; אז איהר טאכטער האט געהאט א קינד פון א מאן, מיט וועלכען זי האט נישט חתונה געהאט. דער מאן האט זי פערפיהרט.. איצט ווילסטו מיר איינרעדען, אז זי איז דיין קינד.. אבער איך זאג דיר, אז ווען אפילו זי וואלט געווען אונזער קינד, מיינס, און דיינס, וואלט איך אויך פונקט אזוי געהאנדעלט... דזשוליא איז נישט קיין פיצעל קינד. א פרוי, וואס לאזט זיך אויף אזעל־כע אויסגעלאסענע וועגען, איז שוין נישט קיין אומבעהאלפען קינד... איך וויל זי ביי זיך נישט האבען !...

— עס טוט מיר לייד, וואס דו גלויבסט מיר נישט, אבער איך שווער דיר, אז דזשוליא איז מיין קינד. איך האב זי נישט נאר דערצויגען, נאר אויך געבוירען. איך האב דיך אפגענארט, די ברוטמאן האט דיך אפגענארט...

— בעלא, ריהר נישט צו מיר אזוי! איך ווייס, אז זי איז נישט דיין קינד!

ביינטע איז אויפגעשפרונגען פון ארט.

בעלא האט זיך אויך אויפגעכאפט פון ארט און איז צוגעקומען צו ביינטע'ן אזוי נאהענט, אז ביידע האבען זיך מיט די אנגעצונדענע אויגען, ווי די העבער, אנגעקוקט איינס דאס אנדערע מיט נישט ווייניג פערדרוס און כעס.

— ביינטע, איך זאג דיר, אז דזשוליא איז מיין קינד, און אויב דיר געהט עס אין לעבען אריין, וועל איך עס דיר איבערצייגען מיט פאק־טען און עדות!

אויף א מינוט איז אין צימער געווען שטיל. א דריקענדיגע, טויטע שטילקייט איז געהאנגען אין דער לופטען. די מינוט האט זיך אויסגע־צויגען לאנג, זעהר לאנג...

בעלא האט בעמערקט ווי ביינטען שטעהט קוים איין. זי האט א שפאן געטון צוריק, מיט ביידע הענד זיך א כאפ־געטון ביים פנים און שטיל אנ־געהויבען צו כליפען.

ביינטען האט פייער אפגעאטעמט. ביסלעכווייז האט זיך א שמייכעל אנגעהויבען אויסצוציהען איבער זיין פנים. עס איז איהם לייכטער געווארען. א ווייבס. די גאנצע מעשה איז א ליגען...

ער איז צוגעקומען צו איהר, זי א גלעט־געטון איבער די ארעמס און צערטליך געקושט איהר־רע האר און באקען.

— נו, נו, נאר נישט געוויינט. דו ווייסט, או איך קען דיינע טרעהרען נישט איבערטראגען... דיינע טרעהרען ברענגען דאס הארץ.. נו, זיי א גוט מיידעל, הער אויף.

בעלא האט זיך געטוליעט צו איהם, האט אויפגעהויבען צו איהם דעם קאפ, עפעס געוואלט זאגען...

ביינטען האט איהר אויפגעהויבענעם קאפ א כאפ־געטון, אריינגעקוקט אין איהרע פערוויינטע אויגען, און געזאגט:

— נו, זאל זי געהן מאכען זי וויל און מיין זי שטיצען מיט געלד. אז דו ווילסט זיך פער־פעקען נאך איהר, וועסט געהן צו איהר אמאל געוואויר ווערען... נו, גוט?

בעלא האט אויך איצט מספים געווען. ביינטען האט ווידער אויסגעפיהרט זיינס: אבער ער ווייסט נישט, אז בעלא אליין האט געזוכט דזשוליאן א צימער; זי אליין קומט יעדען טאג אויפרומען די האלט זי אונטער דער השגחה פון א פרויען־דאקטאר און היט זי אפ. ווי א מאמע היט איהר קינד. וואס דארף געבוירען אנ'ערשטלינג.

ביינטע ווייסט עס נישט, טאר עס נישט וויסען די מאמע געהט יעדען טאג בגנבה געוואויר ווערען צו איהר אייגען, אומגעזעצליך קינד, וואס זי האט א גיסטירים. איצט דארף דאס אומגעזעצליך קינד אליין ווערען א מוטער פון אנ'אומגעזעצליך קינד. וואס ווייס אפשר דארפען פון אימיצען אנגענומען ווערען...

קוקט בעלא אויף איהר שוואנגערער יתומה־טאכטער און אין די אויגען קלינגט איהר די קללה פון איהר אלטער באבען: „אויסגעריבען זאל עס ווערען איין בויך!... עס זאל גאר נישט דער־לעבען געבוירען צו ווערען!...״

אך, פינסטער, זינדיג לעבען!

(ע. 5 ק)

יודישע נויט און עלענד אין ווארשע

פון יעקב קראמאלאווסקי

אַנגאַפּאָל איז אַ „טרעהרען־אינזעל“ הינטער וואַרשע. אַ שטיק „מדבר“, זאַמד, זאַמד און זאַמד.. בשעת עס רעגענט זענען דאָרט די בלאָטעס אַזוי טיף, אַז מען קען ביי קיין אופן נישט דורכגעהן. ווייזט אויס, דאָס זאַמד, האָט שוין צופיל וואַסער אויסגעטרונקען... און אָט אויף דעם דאָזיגען האַלב אינזעל, אין וויסטען פעלד, ווייט הינטער וואַרשע, האָט דער פוילישער רויטער קרייץ בעשלאָסען אין יאָהר 1927 אויפצושטעלען באַראַקען פאַר די היימלאָזע און אַרבייטסלאָזע וואַרשאווער בירגער. דער פוילישער רויטער קרייץ האָט געוואָלט טון אַ באַר־מעלע מאַט — צו פאַרזאָרגען מיט אַ דאַך און מיט אַביסעל עסען דעם סאַמע אָרימסטען עלעמענט אין דער הויפּט־שטאָט, דעם אָרימסטען פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז געווען עלענדער ווי אַ הונט און הונגעריגער ווי אַ וואָלף. און דערביי האָט ער אומ־דירעקט געבראַכט דערצו, אַז פיל טויזענדער מענשען זענען אויפגעהאַלטען געוואָרען אין די רייהען פון די אָרענטליכע מענשען און נישט אַריינגעמאָלדען זיך אין דער פאַרברעכער־וועלט, צו וועלכער זיי זענען געווען אַמנאָהענטסטען.

העכער אַ שעה צייט שניידען זיך די עלעגאַנטע לאַנגע פולמאַן־טראַמוואַיען דורך די פערשידענע גאַסען פון וואַרשע און פּראַגע און שפּעטער דורך די שמאָלע, קליינישקע געסלעך פון דער פּראַגער הינטער־שטאָט בּרידנאָ. עס מאַכט אַ קאָמישען איינדרוק. די טראַמוואַיען, דוכט זיך.. קריכען אויף די הייזלעך און די הייזלעך בויגען די רוקענס אונטער זייער לאַסט. וואו נישט וואו מעקעט הינטער אַ פלויט אַ קאָזע, קליינע יאַטלעך דראַפּען זיך אויף אַ פּאַרקאַן און אין דער זייט געפינט זיך דער קריסטליכער צמענטאַזש און אַ מצבות־קריצער קלאַפּט הויך מיט אַ האַמער... דער איינדרוק איז פון אַ טיפּיש קליין שטעטעלע, אין וועלכער ס'האָבען זיך אַריינגעריסען גרויסע רויטע טראַמוואַיען, וועלכע רויבען דאָ צו דעם גאַנצען קליינשטעטלדיגען „חן“.

ערשט ווען דער טראַמוואַי שטעלט זיך אָפּ אויף דער לעצטער סטאַציע, דאַרפען מיר צוגעהען צופוס אַ שטיקעל וועג. שוין פונדערווייטענס זעהט זיך דער ברייטער מדבר... עס מאַכט דעם איינדרוק פון אַ העק, ערגעץ ביים „עק וועלט“, ווי אַן אָנגעקוואָרפענע איבּוֹטיגע זאַך, אַזוי איז דער גורל פון אָרימאַן: מען וואַרפט איהם אַוועק ווייט, ווייט פון זיך, ווי אַן אָפּגעקלאַפּטע הושענא? ווי אַן איבעריגע שטערונג... לאָזען זיי זיך דאָ ליגען, אויף דעם וויסטען מדבר, צווישען הימעל און ערד.

מיר געהען דאָך אַהין. מיר קריכען אַריין אין די בלאָטיגע זאַמדען און ווען מיר בעהמען אַרום מיט'ן בליק דעם פערהעלטנישמעסיג נישט גרויסען שטח, קוקען אָן די טונקעלע הייזלעך, זעהען די זיך אַרומדרעהענדע מענשען, בעקומען מיר דעם איינדרוק, אַז דאָ איז דער ריכטיגער „טרעהרען־אינזעל“...

איך געה אַריין טיפער, ווייל איך האָב ליב „אַליין“ צו זעהן, און איך זעה: 112 הייזלעך און אין די הונדערט און צוועלף הייזלעך וואוינען צוזאַמען געגען 10 טויזענד מיט 70 נפשות. אין איין הייזעל מאַכט עס, אַלזאַ, אויס דורכשניטליך, נישט קיין גאַנצע ניינציג נפשות. אַ הייזעל אַזאַ פערמאָגט פון 15 ביז 18 איינצעלנע וואוין־צימערען. אַ צימער האַלט אונגעפעהר 4 אויף 5 מעטער, און אין אַזאַ הרחבה'דיגער „וואוינונג“ וואוינען דורכשניטליך 3—4 פאַמיליעס, צוזאַמען אַנ'ערך 18 פערזאָן...

וויפיל קינדער זענען פאַראַן אין אָט דעם „מדבר“? וויפיל קינדער לעבען אין די „גליקליכע“ בעדינגונגען פון דעם אָרימסטען פּראָלעטאַריאַט?

קינדער אין עלטער ביז 16 יאָהר געפינען זיך דאָ קנאַפּע פינף טויזענד (אויף 10 טויזענד איינוואוינער!...) הערפון אין שול־עלטער ביז צוויי טויזענד.

פון וואָס לעבען די איינוואוינער פון די אַנגאַר־פאָלער באַראַקען?

95 פּראָצענט איינוואוינער זענען אַרבייטסלאָז און פערדינסטלאָז. זיי האָבען קיין שום הכנסה פון קיין שום זייט, אַפילו נישט פון קרובים אָדער פריינד. זיי לעבען פון דער אַלגעמיינער קיך, וועלכע טיילט בלויז מיטאָגען, אויף פריהשטיק און נאַכט־עסען מוזען זיי אַליין זאָרגען. 5 פּראָצענט אַנגאַפּאָלער יושבים האָט 2—5 טעג אַרבייט אין דער וואָך אין וואַרשע און פערדינט אַ פּאָר גילדען.

ווער ווערט אָנגענומען אַלס מיטגליד אויף דעם „גליקליכען“ אינזעל? עקסמיסירטע! דאָס איז די ערשטע צייגניש פאַר אַ קאַנדידאַט אין די באַראַקען, דאַן טאָר ער נישט זיין קיין אַרבייטענדיגער און קיין פערדינער. ווען ער געהערט צו די דאָזיגע „אויסדער־ווערהאַלטע“, גיט מען איהם פּלאַץ — אין צימער, וואו ס'וואוינען „בלויז“ אַ צוויי — דריי משפּחות.

איך בעהם מיר דאָס דרייסטקייט אַנצוקלאַפּען אין אַ טיר פון אַזאַ „וואוינונג“. עס עפענט מיר אַ יונג אָפּגעריסען מיידעל מיט אַ פערסאַדזשעט פּנים, איך פרעג זי וועגען אַ פיקטיווען איינוואוינער פון אַנגאַפּאָל, וועגען וועלכען זי האָט גאָרנישט געהערט. איך בעשרייב איהר דאָס אויסזעהען פון דאָזיגען נישט עקזיסטירענדען מענש, כדי איינציגע מינוט צו פערברענגען אין דער וואוינונג און זעהן, וואָס דאָ טוט זיך, און איך זעה: גאָט מיין גאָט, צי אַזוי קאָנען מענשען אויך לעבען? אין דעם ווינקעל וויקעלט זיך אין קראַמפען, איינגעוויקעלט אין שמאַטעס אַ יונגע פרוי, אין ברוד, אין בלאָטע, און געהט צום קינד... אין אַ צווייטען ווינקעל, אויף אַ כמו־בעטעל, טאַנצען אַרום צוויי שמוציגע יאַטלעך, שלאָגען זיך, רייסען זיך די האָר פון די קעפּ.

אין אַ זייט זיצט אויף אַ האַרט בענקעל אַ ווייסע זקנה און שנאָרכט און ביים קליינעם פענסטערל שטעהט אַנ'„אייוועלע“, פון וועלכען ס'שלאָגט אַ בייסענדיגער רויך, אַז ער ברענט אין האַלז... און אָט אין דעם קליינעם שטיבעל וואוינען און שלאָפען ביינאַכט העכער 15 פערזאָן!

איך געה צו די יודישע איינוואוינער פון די אַנגאַנפּאָלער באַראַקען, 500 יודען וואוינען דאָ. עקסמיסירטע, אַרבייטסלאָזע, עלענדע, זייערע עטליכע הייזלעך זענען די לעצטע אויף דעם זאַמדיגען מדבר. זיי זענען די שטיף־קינדער. זיי זענען נאָך אָרימער פון די אָרימע, נאָך עלענדער פון די עלענדע, זיי זענען יודען... און יודען, בּיידע, זענען איבעראַל „געסט“, יודען געהערען צו אַ נידעריגערען מין מענשען און יודען דאַרפען כשר'ע שפּייז... די קיך, וועלכע בעזאָרגט אַנגאַפּאָלער איינוואוינער מיט אַ זופּ און אַ שטיקעל ברויט אויף מיטאָג, וויל זיך נישט הערנידריגען און קאָכען פאַר די „זשידעס“ ספּעציעלע כשר'ע מיטאָגען, זי טענהט, אַז זיי ווילען די יודען, זאָלען זיי קומען, וועלען זיי בעקומען די זעלבע מיטאָגען, ווי די נישט־יודישע איינוואוינער, קיין ספּעציעלע געקעכטס וועט זי פאַר זיי נישט מאַכען. זענען געווען אַזעלכע יודען, וועלכע האָבען יאָ געגעסען די נישט־כשר'ע שפּייז און אַזעלכע, וועלכע האָבען זיך געהאַלטען פון דערווייטענס, האָט זיך אַריינגעמישט דער — רב, און „געפּועל'ט“, אַז די קיך זאָל קיין יודען מיטאָגען נישט אַרויסגעבען... האָט זיך אָנגעהויבען אַ... שמד־בעוועגונג צווישען די יודען צוליב די מיטאָגען, איז געוואָרען אַ געוואַלד אין דער יודישער פּרעסע. איז מען געלאָפען אויף בעראַטונגען. האָט מען געוואָרפען די שולד איינער אויפ'ן צווייטען. האָט מען געלאָזט שאַפען אַ ספּעציעלע יודישע קיך. איז מען זיך ווידער צוזאַמענגעקומען, האָט מען גענומען שלעפען אַביסעלע די זאַך, הכלל — „האָט מען“, „איז מען“ — און די 500 יודען אין אַנגאַפּאָל האָבען דערווייל געלעבט מיט דעם בלויזען שטיקעל טרוקען ברויט, וואָס זיי האָבען פון דער קיך, יאָ גענומען... איינציגע פון זיי האָבען זיך געשמד'ט, די רעשט לעבט וואָכען און חדשים מיט בלויז טרוקען ברויט... וואַרשע די שטאָט, די איבער 3 הונדערט טויזענד יודען, מיט דער גרויסער, מיט דער גרעסטער אין אייראָפּא יודישער קהלה, קען נישט געבען עטליכע הונדערט יודען קיין כשר'ע מיטאָגען, די שווערע הונדערטער טויזענדער זלאָטיס עטאַט־געלדער דאַרף זי אויף מקוואות און רבנים, וועלכע זאָלען קענען ביי אָרימע יודען צונעהמען אַ נישט־כשר'ן מיטאָג פון הונגעריגען מויל.

די יודישע איינוואוינער פון אַנגאַפּאָל קלאָגען נישט אויף זייער שרעקליכען גורל. איך האָב פון זיי קיין איינציגע פּרעטענזיע, נישט צו די רייכע, נישט צו דער קהלה, נישט צו גאָט, נישט געהערט, זיי דאַרפען דאָס אָבער נישט! זייער דאָ זיין איז אַליין גרויס קלאָג־ליד, וועלכעס קען מיטרייסען יעדען מענש אָהן פאַראויסטיילען, וועלכער קומט אַהער אַריינצוקוקען אין זייער לאַגע, זייערע טרעהרען זייקעלעך אונטער די אויגען זאָגען שטומערהייט עדות אויף פיל דורכגעוויינטע טעג און נעכט און קענען ריהרען אַ שטיין, נאָר נישט קיין וואַרשאַוער — פּרנסים און דאָזאָרעס.

ווען איך פערלאָז די אומגליקליכע „טרעהרען אינזעל“ און פאָהר צוריק אין דער גרויסער, רחבה־דיגער שטאָט אַריין, מיטפיהרענדיג מיט זיך די פּרטים פון דעם לעבען פון די דאָרטיגע איינוואוינער, פיהל איך, אַז איך טראָג ביי מיר דעם סוד, ווי אַזוי מען „לעבט“ מ'שטיינסגעזאָגט, נישט האָבענדיג פון וואָס און צו וואָס צו לעבען.

צום 615-טען יאהר-צייט פון „בעל הטורים“

ס'וועט היי־יאָהר 615 יאָהר זינט עס איז נפטר געוואָרען דער „בעל הטורים“, וואָס איז אַזוי גוט בעקאַנט יעדען יודען, וואָס האָט געהאַלטען אַ חומש און האָט אַריינגעקוקט אין די שעהנע פּשט'לעך אויף פיל פסוקים.

געוועהנליך איז אָט דער פירוש אויף דער תורה נישט אַלעס, וואָס ער האָט איבערגעלאָזען. דאָס איז בלויז זיין אַרבייט דורך אגב, פון זיינע גרויסע ווערק איז דער „טור אורח חיים“, וואָס ער האָט געשריבען נאָך זיין פאָטערס פּטירה און אַנדערע ווערק, וועלכע זענען געבליבען נאָך איהם.

וועגען דעם בעל־הטורים, וואָס זיין נאָמען איז יעקב ב"ר אשר, איז די געשיכטע אין אַ מאָדנע פערלעגענהייט. מען ווייס נישט גענוי דעם טאָג, ווען ער איז נפטר געוואָרען, און אַפילו דעם פּלאַץ, וואו ער איז געקומען צו קבורה איז אויך נישט גענוי בעקאַנט.

אַנדערע היסטאָריקער זאָגען מיט זיכערקייט, אַז ער איז געשטאָרבען אין טאָלעדאָ, אַנדערע זאָגען, אַז ניין. מ'ווייס אויך נישט גענוי, וואָס דער סדר פון זיין לעבען איז געווען און אין וועלכע געגענדען ער האָט געוואַנדערט. וואָס מען ווייס יאָ, איז, אַז ער איז געווען אַנ'אָרימאַן אַ יוד, און ווי דער מנהג פון דער וועלט איז נישט אומצוקוקען זיך אויף אַנ'אָרימאַן, מעג ער אַפילו זיין אַ גדול בישראל, ווי דער בעל־הטורים.

אינטערעסאַנט איז אָבער, וואָס זיין פאָטער, ר' אשר איז געווען אַ יוד אַ נגיד. און האָט געהאַט אַנ'אייגענעם צדקה־אנשטאַלט. דאָס הייסט, אַז ער פלעגט פון זיין געלד יעדעס יאָהר אָרונטערנעהמען אַ געוויסע סומע צו צושטעלען צדקה פאַר אָרימע לייט. זיינע צוויי זיהן יעקב און יהודה האָט ער געמאַכט פאַר די סעקרעטאַרען פון דער חלוקה.

לויט ווי מען זאָגט, האָט דער בעל־הטורים אין זיינע ערשטע יאָהרען זיך פערנומען מיט געבען הלוואות, באַר ווי עס זעהט אויס, האָט מען איהם צוגענומען זיין געלד און ער איז געבליבען ממש אַ חסר־לחם. מ'ווייס נישט ריכטיג, צי ר' יעקב האָט בעטראָטען די רבנות פון זיין פאָטער אין טאָלעדאָ, ווייל זיין עלטערער ברידער, יהודה איז אויך געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם, און דער כסא־הרבנות האָט איהם געהערט.

דער בעל־הטורים ווייס מען, האָט אַרומגעוואַנדערט איבער פערשידענע שטעט און לענדער, ער האָט קאָנען געלערנט די אַלע יודישע מנהגים און לעבענס־סדר פון די פערשידענע קהלות און עס פערצייכענט אין זיינע חבורים.

דעם בעל־הטורים'ס נאָמען איז אָבער נאָך זיין טויט זעהר גרויס געוואָרען ביי אַלע יודען פון דער וועלט, ווען זיינע ספרים „קצור פסקי הרא"ש“ אָדער „ספר הרמזים“ זענען ערשינען, האָט מען באַלד דערקענט זיין גדולה, עס איז אַ סברה, אַז די ספרים זאָל דער בעל־הטורים האָבען געשריבען אין שפּאַניאָליש. זיין ספר ארבעה טורים איז פון דער גאַנצער רבנות'ער וועלט באַלד אָנערקענט געוואָרען אַלס יסוד און לעצטע וואָרט פון הלכה.

דער חילוק צווישען דעם „יד החזקה“ פון רמב"ם און די „ארבעה טורים“ איז אין דעם, וואָס די טורים זענען איינפאַכער און קלאָרער ווי דער רמב"ם. פיל פון די דינים, וואָס האָבען עקזיסטירט אין די צייטען פון בית־המקדש, האָט דער בעל־הטורים אַרויסגעלאָזען.

ווי דער שטייגער איז פון אַזעלכע גרויסע ווערק מוזען זיך געפונען שפּעטער אַנדערע חכמים וועלכע מאַכען געוויסע בעמערקונגען און פירושים, און דאָס איז אויך געטון געוואָרען אויף די ארבעה טורים, דער „בית יוסף“, „דרכי משה“, „בית חדש“, „דרישה ופרישה“ און „ראש יוסף“. די אַלע מפרשים בעהאַנדלען די ארבעה טורים און בעלויכטען פיל פלעצער פון דעם גרויסען יודישען ספר פון דעם גרויסען יודישען גאון בעל־הטורים.

בעזוך פון הויך-קאמיסאר אין יפו'ער פארט

רעזולטאטען פון די שטארקע רעגענס

ירושלים, (יט"א) די טעג האָט דער הויך=קאָמיסאַר סער אַרטור וואוקאָפּ געווײלט אין יפו און בעזוכט די דאָרטיגע עקספּערימענטאַל־סטאַציע פאַר ציטרוס=פּרוכט. נאָכהער האָט דער הויך=קאָמיסאַר דורכגעפיהרט אַנ'אינספּעקציע פון פּאָרט, וועלכע איז אָבער געווען בעשווערט צוליב'ן שטאַרקען רעגען, מחמת דעם רעגען זענען אויך איבערגעריסען געוואָרען די אַרבייטען אין יפו'ער פּאָרט, דער גוס-רעגען האָט אויך גורם געווען שטערונגען ביי דער אויסלאַדונג פון שיפען אין יפו'ער פּאָרט.

ירושלים, (יט"א) אַנ'אַראַבישע צייטונג טיילט מיט, אַז צוליב די לעצטע ווינטער-רעגענס איז רעדוצירט געוואָרען די צאָהל פּאָליציי־אישע וואַסער-פּאַטראָלען, וואָס דאַרפען היטען די ים־ברעגען פאַר אומלעגאַלע אימיגראַנטען, צוליב'ן רעגען-וועטער זענען פערשידענע פּונקטען פון ים־ברעג נישט צוטריטליך פאַר די מאָטאָר-שיפלעך.

Dr.
Wołkowyski
האט זיך איבערגעצויגען אויף
ציגעל-גאס 11, טעל. 238=02
נעהמט אָן אין הויט- און וועגערישע
קראַנקהייטען, מענער-שוועכע
נעמט אָן פון 8—12 בייטאָג און פון 4—9 אָוונד.

א שפין, וואס איז גיפטיגער פון א גיפטיגען שלאנג

דאס איז די נקבה פון א געוויסע מין שפינע.—פון איהר ביס קען מען שטארבען אין עטליכע שעה.—זי פרעסט אויף איהר אייגענעם מאן, ווען זי דארף איהם נישט האבען

אין אַמעריקאַ האָט זיך אין די לעצטע עטליכע יאָהר גענומען פערשפּרייטען אַ געוויסער מין שפּינען, פון וועלכע די „זי“, די נקבה, איז זעהר אַ געפעהרליכע חבר'ה־ניצע. אַ סך, אַ סך געפעהרליכער ווי געוועהנליכע שפּינען. זי איז גיפטיגער פון קלאַפּער־שלאַנג. פון איהרען אַ ביס קען מען שטאַרבען אין עטליכע שטונדען צייט.

די „שוואַרצע אלמנה“ רופט מען די דאָזיגע שפּינען. די לעצטע צייט האָט די וויסענשאַפט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט איהר, און אַ סך אויספאָרשונגען זענען געמאַכט געוואָרען וועגען איהרע אייגענשאַפטען און אַרט לעבען.

מ'קען זי טרעפען כמעט אומעטום, איבער גאַנץ אַמעריקאַ, אָבער אַ סך מעהר אין די דרום־געגענדען, וואו דער קלימאַט איז וואַרימער. זי קלייבט זיך איבער פון איין פּלאַץ אין אַ צווייטען.

די גרויס איז זי אין גאַנצען נישט מעהר ווי אַ האַלבען אינטש. אָבער איהר גיפט איז געפעהרליכער אָפט פון דעם גיפטיגען קלאַפּער־שלאַנג.

זי קען זיך לייכט אַריינקלייבען צו אייך אין הויז, זיך פערגנב'ענען אונטער'ן סאָפע, אין אַ קלאָזעט, אַפילו אונטער אַ שטוהל, און מאַכען דאָרט איהר נעסט.

ווען זי דערלאַנגט אייך אַ ביס, דערפיהלט איהר אַ שרעקליך שטאַרקען וועהטאָג. דער גיפט בעהמט זיך שנעל פערשפּרייטען איבערן גאַנצען קערפּער, פּאַראַליזירט די גלידער און ברענגט אָפט דעם טויט אין עטליכע שטונדען.

די „שוואַרצע אלמנה“ קוקט אויס אַנדערש ווי די געוועהנליכע שפּינען. איהר קערפּער איז גלאַט, שוואַרץ, שיינענדיג ווי אַ מעטאַל, דער „ער“ פון דעמזעלבען מין איז פיל קלענער און נישט געפעהרליך. מ'זעהט איהם אָבער זעלטען, ווייל זי לאָזט איהם נישט לאַנג לעבען. באַלד נאָכ'ן „האָניג“־חודש, ווען ער טוט אָפּ זיין מאַנסבילשע פליכט צו איהר, זי זאָל קענען האָבען קינדער און ברענגען אַ נייעם דור אויף דער וועלט, ווערט זי פון איהם שנעל פּטור: זי פרעסט איהם פּשוט אויף.

אום אויסצוגעפינען די ווירקונג פון איהר גיפט האָט אַ געוויסער דאָקטאָר, עלען בלער, פון אַלאַבאַמאַער אוניווערזיטעט, זיך געלאָזען פון איהר אַ ביס טון אין האַנד. ער דערצעהלט, אַז דער וועהטאָג איז אין ערשטען מאָמענט געווען זעהר שטאַרק. דערנאָך האָט זיך דער וועהטאָג גענומען פערשפּרייטען ווייטער אין אָרם און איבערן קערפּער. דאַן האָט ער געקריגען מורא'דיגע קרעמפּפען אין בויך.

ער האָט מיט אַ [illegible] קיין מיטלען געגען דעם גיפט, אום אויף זיך אויסצוגעפינען די גאַנצע ווירקונג פון דעם דאָזיגען גיפט. ערשט אין עטליכע שטונדען אַרום האָט מען איהם אַריינגעגעבען אַ געגען־גיפט און אויסגעהיילט.

ווייטערדיגע אויספאָרשונגען האָבען געוויזען, אַז די געפעהרליכסטע ווירקונג פון דעם גיפט פון דער דאָזיגער שפּינע איז אין די ערשטע עטליכע שטונדען, אָבער אויב מ'לעבט דאָס איבער און מ'פערציהט ביז אַ מעת־לעת, איז שוין נישט מעהר געפעהרליך. אָבער אין די עטליכע שטונדען ליידעט מען זיך שרעקליך אָן.

געוועהנליך בויט די דאָזיגע שפּינע איהר נעסט אויף פּוסטע פעלדער, אין וועלדער, אַרום גאָטע שפּייז פאַר הונגעריגע פויגלען. און אַפילו שטייבער. די יונגע עופהילעך איהרע זענען אָפט זי אַליין, די „שוואַרצע אלמנה“, ציטערט פאַר אַ געוויסען סאָרט ווילדע ביהנען, וועלכע ספּראַווען זיך מיט איהר זעהר לייכט. זיי שטעקען איהר אַריין אין רוקען־מאַרך דעם שאַרפען ציבגעל, וועלכער איז שאַרף ווי אַ שפּיציגער שפּיזעל, און פּאַראַליזירען זי אויף אַזאַ אופן, אַז זי קען זיך נישט ריהרען. דאַן לייגען זיי זי אַוועק אַלס שפּייז פאַר זייערע קינדער. זי לעבט און פיהלט, אַז מ'עסט זי לאַנגזאַם אויף, אָבער זי קען גאָר נישט טון, זי איז פּאַראַליזירט.

Dr. med.
R. Zalcwasser
כירורג
ציגעל-גאס 19, טעל. 125-17
נעמט אן פון 1—2 און פון 4—6 נאכמ.

DR. MED. H. LUBICZ
פאר הויט, וועגערישע און געשלעכטס-קראנקה.
צעגעלניאנא 7 (פריהער 43), טעל. 141-32
עמפפאנגס-שעה'ן 8—10, 12—2, און 5—8 אוועגד
זונטאג און יום-טוב פון 9—11 בייטאג.
און יו"ט 9—1. פאר דאמען בעזונדערער ווארט-זאל

ניי'ער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

ניי'ער פאלקסבלאט

דעצעמבער

זון-אויפגאנג 7.36
זון-אונטערגאנג 3.24

מיטוואך
12
ו
טבת תרצ"ה

עקספארט-מעגליכקייטען פאר לאדזער סוחרים און אינדוסטריעלער

(אג) די לאדזער דעלעגאטור פון מלוכהשען עקספּערט אינסטיטוט מעלדעט, אז א קאנאדישע פירמע וויל בעקומען אפערטען פון פוילישע פאבריקען אויף מעבעל-שטאפן זיידענע און באוועלנע פלאנעלען אויסצואַרבייטען שאלען ווי אויך סחורות פון דעם טיפ „טוויד" ‎4382/ד/. א קאנאדישע פירמע וויל אנקניפען האנדעלס-בעציהונגען מיט פוילישע פירמען, וואס ארבייטען אויס בעט-נעציג, באוועל, טישטיכער, ווי אויך פלאקס און זיידענס, קאפען אויף בעטען און פענסטער-פארהאנגען ‎/4382/ד/. א פירמע אין גיבראלטער וויל אנקניפען האנדעלס-בעציהונגען מיט פוילישע פירמען, וואס ארבייטען אויס טריקאטאזשען ווי אויך באוועלנע זאקען ‎/ד./4407/. א גריכישע פירמע זוכט פארטרעטונג פון טעקסטיל-פירמען פון די ארטיקלען פלאנעל געדרוקטע, פאפעלין אויף העמדער א.אז.וו. ‎/ד/4396/ א ארגענטינישע פירמע וויל בעקומען א פארטרעטונג פון טעקסטיל-פאבריקען וואס פראדוצירען באוועלנע סחורות און גארן און ענגלישע ארטיקלען ‎/פ/46/28650/ א פאלעסטינער פירמע וויל איבערנעמען א פארטרעטונג פון פוילישע טעקסטיל-פאבריקען און טריקאטאזשען ‎/ד/97/4387/. א שוועדישע פירמע זוכט א פארטרעטונג פון פוילישע אונטערנעמונגען, וואס ארבייטען אויס וואלענעם פלוש ווי אויך אימיטאציע פון פוטער. בעזונדערס קאראקול וואס ענטהאלט נישט קיין זייד אדער קינסטליך זייד ‎/פ/46/28720/מ/ א פאלעסטינער פירמע זוכט א פארטרעטונג פון א פוילישע טעקסטיל-פאבריק, וואס פראדוצירט געדרוקטע באוועלנע זיידענע און קינסטליך-זייד, סחורות-שטאפען אויף מענער און דאמען העמדער פון גוטער קוואליטעט געדרוקט פאנטאזיגע א. ז. וו. ‎/פ/46/29210/מ/. א פירמע אויף ציפערן, א ליפעראנט פון פילץ-היטען ‎/64/29042/ש/.| א פינלענדישע פירמע אינטערעסירט זיך מיט באנדאזש-ארטיקלען, א חוץ וואטע ‎|59|29312|ש.|

גענויע אינפארמאציעס וועגען די אלע ענינים קענען די פאראינטערעסירטע פירמען בעקומען אין דער דעלעגאטור פון מלוכהשען עקספּערט-אינסטיטוט, פערזענליך זיך אויפען בעהעריגען נומער.

היינט — זיצונג פון שטאט-ראט

געוו. פויזנער פרעזידענט ראטייסקי אלס קאנדידאט פון די ענדעקעס אויף פרעזעס פון שטאט-ראט. — אין דער יודישער פראקציע

היינט קומט פאר די צווייטע זיצונג פון'ם לאדזער שטאט-ראט.

די דאזיגע זיצונג וועט זיין דער אייגענטליכער פארשפיל אין'ם קאמף פאר'ן איבערנעמען די מאכט אין דער שטאט.

עס וועט זיך נעמליך ארויסווייזען, צי די ענדעציע וועט האבען א פאקטישע מעהרהייט, ווייל ביי זיי איז פערהאן א כאדעקישע גרופע וועלכע שטעלט געוויסע פאדערונגען, ווי דהיינו – 2 לאווניקעס, זייערע מענשען. אויב זיי זאלען נישט בעקומען נאכגעבען זייער פערלאנג איז מעגליך, אז זיי זאלען זיך אפשיידען פון די ענדעקעס.

* * *

א גרויסע סענסאציע איז נעכטען געווען דאס אנקומען קיין לאדז פון'ם געוועזענעם פויזנער פרעזידענט ראטייסקי.

הגם ער האט נישט מיט די ענדעקעס קיין געמיינזאמעס, שטעלען איהם דאך די ענדעקעס ארויס אלס קאנדידאט אויף פרעזעס פון שטאטראט בכדי אזוי ארום צו נושא חן זיין ביי דער מאכט.

* * *

אין דער יודישער פראקציע קומען לעצטענס פאר גרויסע רייבונגען.

עס איז נישט געקומען צו קיין הסכם וועגען די יודישע לאווניקעס.

אויף דער לעצטער זיצונג פון דער דאזיגער פראקציע האבען די ראטמענער אדוו. ווייצמאן און בנימין רוס דעמאנסטראטיוו פערלאזט די זיצונג

א גנב, וואס גנב'עט ווייבער

דער בע'עוולה'טער האט איהם דער'הרג'עט מיט א האק

(2) דער 26-יאהריגער טעאדאר בודזשיארעק (שאפענא 5) האט מיט זיין 25-יאהריג ווייבעל, זאפיא בודזשיארעק געלעבט גאנץ בשלום, און זיי וואלטען גאנץ רוהיג אויסגעלעבט זייערע יאהרען, ווען עס ציהט זיך צו זיי נישט אריין דער יצר הרע אין געשטאלט פון דעם סובלאקאטאר וולאדיסלאוו מארטשיניאק – א פראפעסיאנעלער גנב.

מארטשיניאק איז געווען א שיינער, געווּנטער יונג, האט עס נישט לאנג געדויערט, און צווישען איהם און זאפיא'ן איז געווארען – א ליבע..

בודזשיארעק האט זיך וועגען דעם דערוואוסט און אנגעהויבען צו סקאנדאלעווען.

דאן האט זיך דאס פארל אויפגעהויבען און זיך אריבערגעצויגען אויף לאגעווניצקא 66.

אין א צייט שפעטער, האט בודזשיארעק געטראפען אין גאס מארטשיניאק'ן, און שמועסענדיג צווישען זיך גאנץ פריינדליך, האט ער איהם גענומען צו זיך אין דער וואוינונג און מכבד געווען מיט בראנפען.

דער פרידליכער שמועס צווישען זיי האט זיך פערענדיגט דערמיט, וואס בודזשיארעק האט געכאפט א האק, און צושמעטערט מארטשיניאק'ן דעם שארבען.

מארטשיניאק איז גלייך געשטארבען אין שפיטאל.

דער מערדער איז נעכטען געשטעלט געווארען פארן געריכט, און ער האט בעקומען א פסק דין – 3 יאהר טורמע.

אז זי האט זיך גע'סמ'ט

האט זי דער באלעבאס געהייסען אונטערוווארפען...

(א) יאנינא קוש האט א לענגערע צייט געארבייט אין וואורשט-געשעפט פון סטאניסלאוו סטאשינסקי (אויף לאגעווניצקא 53)

אזוי ווי זי איז בעקינדיגט געווארען פון איהר פאסטען, האט זי זיך נעכטען גענומען און גע'סמ'ט...

סטאשינסקי האט זי נישט געהאט פערזיכערט אין דער „אובעזפּיעטשאלניע", האט ער מורא געהאט, אז ער קאן האבען א מיאוס'ען סוף – האט ער זי ארויסגעזעצט אויף א דראזשקע, און אנגעזאגט דעם דראזשקער, ער זאל זי אפפיהרען צו איהר אהיים, אויף ווזשעשניענסקא 42, און דארט איבערלאזען אויף די טרעפען...

וכך הוה – מ'האט זי אין א שווערען צושטאנד אפגעפיהרט אין שפיטאל.

פאליציי האט פערפיהרט אנ'אויספארשונג געגען דעם „געשמאקען" באלעבאס.

צוגאב-פאבאר

(2) דעם 15 דעצעמבער ה. י. וועט זיין טעטיג א צוגאב-פאבאר-קאמיסיע פאר פ.ק.או. לאדז שטאט 1, פיעטריקאווער 165. עס דארפען זיך שטעלען פאבאראווע פון יאהרגאנג 1913 און עלטערע, וועלכע האבען נאך נישט רעגולירט זייער מיליטער-פליכט און וואוינען אויפן שטח פון 11, 9, 8, 5, 3, 2 קאמיסאריאטען.

דעם 28 דעצעמבער וועט זיין טעטיג א צוגאב-פאבאר-קאמיסיע פאר פ.ק.או. לאדז 2, פיעטריקאווער 165. עס דארפען זיך אהין שטעלען די פאבאראווצעס פון יאהר 1913 און עלטערע, וועלכע האבען נישט רעגולירט זייער מיליטער-פליכט און וואוינען אויפן שטח פון 14, 13, 12, 10, 7, 6, 4, 1 קאמיסאריאטען און האבען בעקומען נאמענטליכע אויפפאדערונגען פון שטאט-סטאראסטווע.

אנ'אלט מיטעל...

(2) אונטער'ן אויסרייד, אז ער וועט מיט איהר בעלי נדר חתונה האבען, האט א געוויסער זדזשיסלאוו נאווואלינסקי (גלובנא 31) אויסגענארט ביי מאריא דראזדאווסקא (ווימאקא 36) 900 זלאטעס על חשבון נדן..

שפעטער האט ער דערקלערט, אז ער האט זי בענוג.

האט זיך מאריא דאן געווענדעט נאך הילף אין דער פאליציי, און מ'זוכט דעם „זון".

רעפּרעזענטאנץ-טעאטער „ראזמאיטאשטשי" 27 ציגעל-גאס 27 טעל. 112-25.
דירעקציע: דוד צעלמייסטער.

פאזיטיוו לעצטע 2 גאסטשפּילן פון בערימטען יודיש-דייטשען שוישפילער און רעזשיסער — קורט קאטש

כדי צו געבען די מעגליכקייט יעדען איינעם צו זעהען קורט קאטש אין זיין רעקארד-ראלע אלס „מאנדארין וואו" ווערט געגעבען היינט, מיטוואך, 9.30 אווענד א גרויסע הנחה-פארשטעלונג אלע בילעטען איז פארטער צו 1 זל.

„מאנדארין וואו"

ענגליש-כינעזישע פּיעסע אין 3 אקטען, יודיש: ס. קארן-טייער.

מאטא'ס פון „מאנדארין וואו":

... „א אויג פאר א אויג, א צאהן פאר א צאהן..."

... „כינעזער האבען דיזעלבע פערלאנגען, ליידענשאפט, נקמה און ליבע."

... „וואס איז ביי דער פרוי טייערער ווי דאס לעבען? — די טוגענד!

מארגען, דאנערשטאג — „סערזשאנט גרישא"

פאהרענדיג אויף א וויזיט

איז נעכטען פלוצים געשטארבען אין טראמוואי דער ד"ר מאלאוויסט

(2) דער בעקאנטער ד"ר יעקב מאלאוויסט – 60 יאהר אלט – (פון גדאנסקא 35) איז נעכטען געפאהרען מיט'ן טראמוואי צו א חולה.

ווען ער איז שוין געווען אויפ'ן פרייהייטס-פלאץ, איז איהם פלוצים נישט גוט געווארען.

מ'האט איהם געמוזט אראפנעהמען אין טויער אויף פּיעטריקאווער 3, און איידער ס'איז נאך אנגעקומען פאגאטאוויע, איז ער געשטארבען.

ווי עס איז פעסטגעשטעלט געווארען, איז ער געשטארבען פון א הארץ-שלאג.

יודיש מאריאנעטען-שפיל
„בערל-שמערל-טעאטער"
אנפיהרונג משה בראדערזאן
אין קאפע „אידעאל"
(פעטריקאווער 48)
היינט, מיטוואך – 1 פארשטעלונג
10 אווענט
דאס 1-טע פראגראם א. נ.
„אזוינס און אזעלכעס"

עס ווערען געגעבען קאריקאטורען פון: ד"ר רוזן-און-בלאט, ד"ר פלויש, אסקאר קאנסום, מאקס קאנסול, יצחק גרינבוים, חיים ראסנער, די. צאהל-מייסטער, לייביש פאן ראזענבערג, גרשון וואוילמאן, ר' יאסעלע מג'ער, קאמענדאנט בערעק מיזלעראוויטש, פאניע די הוג'טע, מאדאם אסתר טענדערעווא, באקס ראטהאלץ, שמעריל-עט-בעריל, פיניעלע מוזיק, יעקב קנאק-אוט, פאננא דעפטאקיבנא, וואלענטין ראדני, וואיטשע.
כאווא די דאזארצעבע.

טעקסטען: משה בראדערזאן, י. אבראשאנעק און ח. י. בושומאוויסקי. לאלקעס בעשניצט — ש. טאבאק. מוזיק ארענזשירט: דוד בייגעלמאן.

טאג-באטיצען

שנעלע הילף איז דאפעלטע הילף

מ'האט פיל געשריבען וועגען דעם, פיל גערעדט, פיל רעבאטירט, אנגעוויזען, אז ס'האנדעלט זיך וועגען דער עקזיסטענץ פון א פראדוקטיווען טייל פון יודישען פאלק ביז ס'האט זיך איינגעגעבען צו איבערצייגען די קהלה-אנפיהרונג, אז מ'דארף בעשטימען א געוויסע סומע געלד פאר פעראָרימטע האנדווערקער, וועלכע זענען בשום אופן נישט אומשטאנד צו בעצאהלען די עטליכע צעהנדליג זלאטעס אויף צו בעקומען א האנדווערקער-קארטע, און אזוי ארום לעגאליזירען זיין ארבייטס-ווארשטאט.

ווען די קהלה האט שוין דאס געלד בעשטימט (הגם די סומע איז נישט גענוגענד) האט זיך אנגעהויבען א וויכוח און א טראכטעניש וועגען דעם ווי אזוי ס'זאל זיין די פראצעדור אויף אדורכצופיהרען די פארמאליטעטען ביים נעהמען די דאזיגע הלוואה אדער אונטערשטיצונג. באלד אין אנהויב איז געווען בעשטימט און מיר האבען אזוי אויך אינפארמירט די פעראינטערעסירטע, אז די וועלכע ווילען בעקומען די דאזיגע אונטערשטיצונג דארפען אפגעבען ביטעס דירעקט אין דער קהלה. די ארימע האנדווערקער האבען טאקע אנגעהויבען צו געהן אין קהלה מיט די ביטעס, דא האט מען זיי אבער געשיקט פון איין בעאמטען צום אנדערען ביז מ'האט זיי ערקלערט, אז... די קהלה נעהמט נישט אן אזעלכע ביטעס.

ווי מען ערקלערט אונז פון דער קהלה-קאנצעלאריע, איז נאך דערווייל נישט אנגענומען געווארען קיין שום מאדוס, ווי אזוי צו פערטיילען די בעשטימטע סומע. ס'זאלען, הייסט עס, קומען צו א פערשטענדיגונג די קהלה-פערוואלטונג מיט די האנדווערקער-צענטראלעס וועגען דעם דאזיגען מאדוס. דערווייל הערט מען נאך נישט וועגען דעם און די צייט איז קורץ. די ארימע האנדווערקער, וועלכע ווייסען, אז זיי וועלען בשום אופן נישט קענען בעצאהלען די אויסגאבען פערנאכלעסיגען דערווייל מיט'ן אריינגעבען ווענדונגען אין דער האנדווערקער-קאמער און וועלען אזויארום פערשפעטיגען דעם טערמין, וועלכער ענדיגט זיך דעם 31 דעצעמבער.

אויב די שטארקסטע מניעה איז בעזייטיגט געווארען, אויב די קליינע געלד-סומע אויף דעם צוועק איז סוף כל סוף בעשטימט געווארען, דארף אין די פארמאליטעטען זיכער נישט צו זיין קיין שטערונגען. באלדיגע הילף איז דאפעלטע הילף. אויב ס'וועט זיך דורך דער דאזיגער הילף איינגעבען צו לעגאליזירען נאך עטליכע הונדערט ווארשטאטען וועט דאס זיין א גרויס געווינס. דאס איז נישט קיין פראגע פון אפראטעווען איינצעלנע אדער צעהנדליגער יודישע עקזיסטענצען, ס'איז אנ'אלגעמיינער יודישער ענין און צו דעם דארף צולעגען א האנד יעדער, וועלכער איז דערצו בערופען.

י. ד.

אפטייקען

היינטיגע נאכט-דיזשורען

(2) היינט ביינאכט דיזשורירען: יאנקעלע-וויטש (סטארי-רינעק 9), שטעקעל (לימאנאווסקיעגא 37), גלוכאווסקי (נארוטאוויטשא 6), האמבורג גלובנא 50), פאוולאווסקי (פיעטריקאווער 307), פיאטראווסקי (פאמארסקא 91).

פאר ארימע שול-קינדער

דער אווענד פון דער פאלקס-שול נום. 150 דארף אונטערשטיצט ווערן!

אין דער פאלקס-שול אויף מלינארסקע 2, לערנען 800 קינדער, פון וועלכע א העלפט זענען פון באלוט און ליידען הונגער.

די ליטונג פון דער שולע האט דערום בע-שלאסען איינצואָרדנען דעם 15-טען ד. ח. א פער-ווייליגגס-אווענד, פון וועלכען די גאנצע הכנסה איז בעשטימט אויף צו דערנעהרען די ארימע קינדער.

ס'איז צו דערווארטען, אז די פערווייליגג וועט וואַרעם אונטערשטיצט ווערען.

כאראקירי

(2) א געוויסער יוזעף דראביטש (פון קיאָווסקא 13) האט זיך נעכטען אויפגעשניטען מיט א מעסער דעם בויך. אין א געפעהרליכען צושטאנד האט מען איהם אפגעפיהרט אין שפיטאל.

די סיבה פונ'ם טראגישען שריט איז נישט פעסטגעשטעלט געווארען.

פאר'ן שווארצען די גרעניץ

(א) דאס שטאטישע געריכט האט פערמשפט אויף א יאהר טורמע דעם 25-יעהריגען אייזיק לעווקאוויטש פאר'ן אומלעגאלען אריבערגיין די פוילישע גרעניץ קיין ראטען-פערבאנד.

אראפגענומען דעם פלעק

פרייגעשפראכען א פערמשפטע דינסטמיידעל

(2) בשעתו איז דאס דינסטמיידעל ריקל ווילייקאווסקא, וועלכע האט געארבייט ביי א גע-וויסער משפחה אקסענבערג פערמשפט געווארען אויף 8 חדשים טורמע, אלס בעשולדיגטע אין ארויסגנב'ענען ביי איהרע באלעבאטים 50 זלאטעס במזומן און א ביסעל ציהרונג.

די פערמשפטע האט אפעלירט, און דאס אפע-לאציע-געריכט אין ווארשא האט נעכטען געפסק'נט, אז אזוי ווי ס'איז נישט דערוויזען געווארען, דאס ריקל ווילייקאווסקא איז שולדיג אין דער גנבה — ווערט זי פרייגעשפראכען.

שטראפען פאר'ן רייסען לוינען

5 פערמשפט'ע יודישע פאבריקאנטען

(2) פארן אומגערעכטען רייסען די לוינען ביי זייערע ארבייטער, האט דאס סטאראסטע-גע-ריכט נעכטען פערמשפט: יצחק ראזענבערג'ן און מאיר פזשיגורסקי'ן — צו א חודש אומבעדינגטען ארעסט, און פייוועל ווינער'ן, יצחק דאקטארטשיק'ן און אברהם ראזענבערג'ן — צו 7 טעג אומבע-דינגטען ארעסט.

ווידער לעבעדיג! ● ווידער פרעהליך!

אין טעאטער „ראזמאיטאשטשי" (דירעקציע: דוד צעלמייסטער)

לאדזער ליבהאבער פון דער לייכטער און פרעהליכער מוזע! גרייט אייך אויפצונעהמען אייער לאנג-ערווארטעטע טאנצענדיגע, זינגענדיגע,

פלאם-פייערדיגע קאסקאדנע סובערעטין

רעגינא צוקער

אין קארל צימבאליסט'ס אויפפירונג פונם גרויסען נייעם מוזיק. שלאגער

צום ערשטען מאל — אין לאדז! —

די קאמעדיאנטקע

פרעמיערע — שוין דעם פרייטאג, דעם 14 דעצעמבער.

א פראטעסט-שטרייק אויף עטליכע שעה

זאל דערקלעהרט ווערען אין די טעקסטיל-פאבריקען

(2) היינט וועט אין לאקאל פון קלאסען-פעראיין פארקומען א פערזאמלונג פון דעלעגאטען פון טעקסטיל-פאבריקען, אין שייכות מיט'ן דער-וויטערן די דעלעגאטען פון בעזונדערע פאבריקען.

עס וועט אויך ארומגערעדט ווערען די פראגע פון נישט האנארירען דעם קאלעקטיווען אפמאך.

לויט ווי מ'אינפארמירט אונז זאל אויף דער דאזיגער פערזאמלונג אנגענומען ווערען א בעשלוס צו דערקלעהרען אנ'עטליך-שעה'דיגען פראטעסט-שטרייק געגען דער איצטיגער זאך-לאגע.

פאטער און זוהן

ווערען בעשולדיגט אין זייז „מאכערס"

(2) נאך א לענגערער אבסערוואציע האט פאליצייי ארעסטירט א געוויסען אברהם האכבערג (11 ליסטאפאדא 75) און זיין פאטער יצחק האכ-בערג, וועלכע ווערען בעשולדיגט, אז זיי האבען זיך אנגעגעבען אלס „מאכערס" אין דער פינאנץ-קאמער און אין די פינאנץ-אמטען, און אונטערן אויסרייד פון סקאסירען פערשידענע שטייערען, האבען זיי אויסגענארט פערשידענע געלדער ביי לאדזער און פראווינצער סוחרים.

מ'האט זיי אריינגעזעצט אין דער טורמע אויף קאפערניקא.

עס ווערט געפיהרט אנ'אויספארשונג.

בעפאלען, צעשטאכען, בערויבט

א באנדיטען-אנפאל אויפ'ן קאנסטאנטינער שאסיי

(2) אויפ'ן קאנסטאנטינער שאסיי זענען 2 באנדיטען בעפאלען דעם מילכהענדלער, דעם 60-יעהריגען טאפיל זשעלינסקי, וועלכער האט געפיהרט 15 קאנען מילך פאר'ן קאכאנובקער שפיטאל.

די באנדיטען האבען איהם געפעהרליך צושטאכען מיט מעסערס און צוגערויבט איין קאן מיט מילך, אין דער ווערט פון 40 זלאטעס.

דעם שווער-פערוואונדעטען זשעלינסקי האט מען אפגעפיהרט אין לאדז, אין א שפיטאל.

פאליצייי פיהרט אנ'ענערגישע אויספארשונג.

פערזיכערטע וועלען וועהלען דאקטוירים

א פעראָרדענונג וועגען נייעם אופן פון היילען אין דער סאציאלער פערזיכערונגס-אנשטאלט

(—) בעקטען האט די סאציאלע פערזיכערונגס אנשטאלט בעקומען א פעראָרדענונג וועגען אדורכ-פיהרען א גרינדליכער רעארגאניזאציע אינ'ם הייל סיסטעם.

לויט דער דאזיגער פעראָרדענונג וועלען די פערזיכערטע דורך א פלעביסציט וועהלען הויז-דאקטוירים.

די דאקטוירים, וואס וועלען בעקומען זעניג שטי-מען, וועלען איינגאנצען בעזייטיגט ווערען.

די דאקטוירים־ וועלען מוזען זיין צו אלע ספע-ציאליטעטען.

די ספעציאליסטישע היילונגען וועלען אפגע-שאפט ווערען.

עס וועלען פערבלייבען דאקטוירים-ספעציאליס טען בלויז אויף שטעלען דיאגנאזען, אבער דאס היילען גופא וועט אדורכגעפיהרט ווערען דורך הויז-דאקטוירים. אין צוזאמענהאנג מיט דער דאזיגער פער אָרדנונג רופט די דאקטוירים-קאמער א פערזאמלונג, אויף וועלכער עס וועט ארויסגעטראגען ווערען א פראטעסט געגען דעם נייעם הייל-סיסטעם.

א פונקט-פעדרייטער טייטש

פונ'ם פסוק כרחם אב על בנים...

(2) זיינער צייט האט דאס היגע קרייז-געריכט פערמשפט די דריי קינדער פון א געוויסען יצחק שליאמאוויטש — רבקה באלבין, פערעל בעקערמוז און מאיר שליאמאוויטש, אז זאלען דעם אלטען פאטער זייער'ן נישט לאזען אונטערגיין, און אויסהאלטען איהם.

די פערמשפטע האבען אבער אפעלירט מיט דער טענה, אז דער פאטער זייערער איז א „נאר-נישט מיט א נישט", אז ער איז א ווייבערניק, א קארטען-שפילער און וואס אין דער קארט שטייט...

דאס אפעלאציע-געריכט האט געפסקנ'ט, אז זיי זענען פטור פון צאהלען „אלימענטען" דעם פאטער.

פערזאמלונג פון די יודישע שאכער'ס

זונטאג, ד. 9-טען ד. ח. איז פארגעקומען די אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער שאכער-סעקציע ביים 2-טען קליינהענדלער-פעראיין.

אלס פארזיצער איז געוועהלט געווארען ה' משה יאקובאוויטש. ביייזיצענדע די ה"ה: הערשל קאלב, יצחק ווייסבערג און יחיאל צאלעל. סעקרע-טאר — שמואל וויינשטאק.

נאך דעם בעריכט ענטוויקעלט זיך א דיס-קוסיע און מ'טרעט צו צום וועהלען א נייע פערוואלטונג.

געוועהלט זענען געווארען:

הערשל קאלב — פרעזעס. יחיאל צאלעל — וויצע פרעזעס. שמואל וויינשטאק — סעקרעטאר. משה קליין — קאסיר. יצחק ווייסבערג — עקאנאם.

אין דער פערוואלטונג: מנשה רונדהארן, ראובן גאלדמאן, הערשל הודעס. קאנדידאטען זעליג סטאלאוויצקי, משה יאקובאוויטש. רעוו. קאמיסיע: אברהם שטערנפעלד און משה פיערניק.

פעראייניגונגס-אקציע פון די יודישע האנדווערקער

מארגען א געמיינזאמע קאנפערענץ

אין צוזאמענהאנג מיט דער פארגענומענער אק-ציע צו פעראייניגען די לאדזער יודישע האנדווער-קער, כדי דער צענט זאל זיך נישט ווייטער פערשלע-פען, האט דער צענטראלער יודישער האנדווערקער און קליין אינדוסטריעלער פערבאנד פילסודסקיעגא 69, גערופען א געמיינזאמע קאנפערענץ פון די פאר-שטעהער פון אלע לאדזער יודישע צעכען אויף דא-נערשטאג דעם 13 ד.ח.

צו דער דערמאנטער קאנפערענץ זענען אויך איינגעלאדען געווארען די ראטמענער איז דער האנדווערקער-קאמער ווי אויך די פארשטעהער פון דער געזעלשאפט פאר דער יודישער מלאכה אין לאדז.

עס איז צו האפען, אז די פראגע פון פעראיי-ניגען די לאדזער יודישע האנדווערקער וועט ענדליך קומען צו א גוטען אויסגאנג.

אומגליקספאל ביי דער ארבייט

(2) אין דער פאבריק פון דער פירמע „לודזקא פשעדזאלניא וועלני" (באטשנע 10) האט א מאשין נעכטען אפגעריסען א האנד ביי דעם 67-יאהריגען ארבייטער זיגמונט שולץ (נאווא 42).

מ'האט איהם אפגעפיהרט אין שפיטאל, וואו ער גוסס'ט.

ר. איזראעל

דער בערזען-סוחר

שפאנענדער ראמאן פון יודישען לעבען

62

— אנ'ענגלענדער אין יעדען צענטימעטער, האט רוט געזאגט צו קרימסקין, איצט זענען מיר די ריכטיגע אינטערנאציאנאלע געזעלשאפט: דו א פאר-לאק, דער אנ'ענגלענדער און איך א יודישע. דאס איז גרויסארטיג. די אמת'ע אינטערנאציאנאלע חב-רה, וועלכע קענען אדורכקומען צווישען זיך. אפשר איז דאס די איינציגע וואו מ'רייסט זיך נישט פאר די גער.

ראלף האט קיינמאל נישט פערראטען און נישט ארויסגעזאגט פאר רוט'ן, אז ער איז אויך א יוד, אזוי ווי זי, דאס האט מעהר אימפאנירט אנ'ענג-לענדער איז גאר עפעס אנדערש און דעריבער האט ער איצט אויך נישט קארעגירט.

— זאל בלייבען, האט ער ביי זיך געטראכט, ביי רוט'ן דער איינדרוק, אז איך בין אנ'ענגלענדער, זי וועט מעהר דרך-ארץ האבען פאר מיר.

אויף וויפיל ראלף האט דאס געקענט פעסט-שטעלען, איז אין דער וואוינונג קיינער מעהר נישט געווען ווי רוט מיט דעם מאן, וועלכען זי האט פארגעשטעלט אלס קרימסקי.

— איצט זעץ זיך אוועק, האט רוט געזאגט, און דערצעהל דו ענגלענדער, וואס האט דיך ארויס געטריבען פון ענגלאנד, כדי צו קומען קיין פוי-לען און דאס דירעקט צו מיר? דו וועסט ענטשול-דיגען, וואס מיר וועלען זיך אדורכרעדען וועגען פער-שווונדענע צייטען, האט זי געזאגט צו קרימסקין, בערעהם זיך מיט עפעס אנדערש, אונזער גע-שפרעך וועט נישט לאנג דויערען.

— דעם אמת־זאגענדיג, האט ראלף געענט-פערט מיט ווירדע און שטאלץ אין דער שטים, האט מיך דערוויל באך קיינער פון ענגלאנד נישט גע-טריבען און נישט געיאגט, איך בין ארויסגעפאה-רען אויס לאנדאן, לויט מיין אייגענעם בעשלוס, וועלכען איך האב, אמת, זעהר שנעל אנגענומען.

— האסט פארגעפיהלט א געפאהר, נישט אמת? דו פיינפיהלענדער ענגלענדער.

— אפשר יא, ס'איז מעגליך, אז דו ביזט גע-רעכט. ס'איז מעגליך, אז איך האב געפיהלט, אז ס'ווערט מיר ענג און איך האב געהאלטען פאר פיל בעסער און גלייכער, אז מען זאל מיך דערוויל נישט זעהען אויף דעם לאנדאנער ברוק.

— און דו האסט זיך דערמאנט דערמאהנט אן דער אלטער פריינדין.

— יא, אזוי ווי איך האב בעשלאסען אוועק-צופאהרען אויס לאנדאן, האב איך אנגעהויבען צו טראכטען וועגען דעם, וואוהין איך זאל פאהרען. איך מוז דיר מודה זיין, אז הגם איך בין אדורכ-געטריבענער מענש, בין איך אבער נאך קיינמאל נישט געווען אין דער וועלט און איך האב קיינמאל נישט רעזיקירט זיך ארויסצוריהרען איינער אליין. און דעמאלט איז מיר איינגעפאלען, אז דו האסט דאך מיך איינגעלאדען, דעמאלט ביים אפפאהרען מיגדליך און דאן עטליכע מאל שריפטליך.

— געוויס מיין איינלאדונג בלייבט אין קראפט אין דעם גאנצען פערנעהם.

— איך האב קיינמאל נישט געצווייפעלט, אז די דאזיגע הארציגע איינלאדונג דיינע איז געווען אנ'-אויפריכטיגע. איך בין דערין געווען איבערצייגט, נישט לאנג טראכטענדיג בין איך טאקע אהער-געקומען.

— א גאלעגער, דזשענטעלמען? האט רוט איך א וויץ געפרעגט.

— צום גליק נישט איינגאנצען, אביסעל געלד האב איך און אויף א געוויסער צייט וועט מיר דאס סטייען, אבער נישט אויף לאנג. מ'וועט מוזען א טראכט טון וועגען דעם, אז מען זאל זיך צו עפעס בעהמען, כדי צו פערדינען אויף אויסהאלט.

רוט האט געשמייכעלט, זי האט גוט געקענט ראלפ'ן, אז זי זאל נישט וויסען, אז ער איז נישט פעהיג און נישט בכוח צו פערדינען א כשר'ען גראשען און דעריבער האט זי צו איהם געזאגט:

— נו, נישט קשה, שבארען וועלען מיר דער ווייל נישט געהען. מיר וועלען שוין אויסקומען. זעהסט דו ראלף איך פרעג דיך אפילו נישט וואס פאר א געפאהר דיר איז פארגעשטאנען אין לאנ-דאן, צוליב וועלכער דו האסט געמוזט פון דאר'ט ענטלויפען, איך פערשטעה, אז דו האסט נישט מנדב געווען אויף קיין קירה און נישט געגרינדעט קיין פרויען־שוץ־פעראיין. ביי אזעלכע ווי דו און איך איז נישט קיין נייעס ווען דער באדען הויבט אן צו ברענען אונטער אונזערע פיס און מיר מוזען עוקר זיין. ס'איז נישט קיין נפקא מינה צי די סיבה איז א וויכטיגע אדער א ווייניג וויכטיגע. די הויפט זאך איז די, אז מען מוז ענטלויפען, ענדערען די לעבענסבעדינגונגען, די שפראך, די אומגעבונג, די געוואוינהייטען און אנהויבען אויפ-סניי. אלזא, דו ביזט מיין פריינד, אזוי ווי געווען, שוין ביי דער ערשטער בעגעגעניש וויל איך דיר זאגען, אז איך האב דיך ליב פונקט ווי אמאל. דעמאלט האב איך דיר דאס נישט געזאגט, ווייל איך האב געהאלטען, אז דו וועסט מיך אויסלאכען, דו אזא ענגלישער דזשענטעלמען, ווען אפילו פון אונזערע קרייזען וועסט זיך לאזען ליבען פון א יודיש מיידעל פון פוילען? ביין, דאס האב איך נישט פערשטאנען, אבער דו האסט דאך געדארפט צו דערטאפען מיינע געפיהלען פאר דיר, איך האב דאך דאס דיר דאך געגעבען צו פערשטעהען און אנצוהערען, איצט זאג איך דיר דאס אפען. די גאנצע צייט האב איך וועגען דיר געטראכט, שלאפ-לאזע נעכט פערבראכט, און די אומעטיגע מינוטען און שעה'ן, וועלכע פעהלען נישט ביי אונז, ביזט דו מיר געווען א טרייסט, דער איינציגער טרייסט... איך זאג דיר דאס נישט דער-פאר, ווייל איך האלט, אז איצט דארפסט דו מיין גאסטפריינדשאפט און מיין הילף. דאס וואלט געווען נישט שעהן פון מיין זייט. איך זאג דיר אפען, אז איינס האט מיך דעם אנדערען נישט צו טון. דו קענסט צו מיינע ליבעס־ערקלערונגען בלייבען פונקט אזוי גלייכגילטיג ווי דו ביזט געווען אין לאנדאן, דאס וועט נישט ענדערען אפילו אויף א האר מיין בע-ציהונג צו דיר.

ראלף האט וועגען דעם איצט נישט געוואלט רעדען. ס'איז פאר איהם געווען פיינליך זיין גאנצע לאגע, ער האט אין זיין גאנצען לעבען נישט געהערן געהאט צו זיין אפהענגיג פון אימיצען, איצט וועט ער דאס מוזען זיין, הגם אפשר אויף א קורצער צייט, אבער דאך... ער האט געוואלט ענדערען דאס געשפרעך, דעריבער האט ער געפרעגט, אויב קרימסקי פערשטעהט ווירקליך נישט קיין איין ווארט, ווען רוט ערלויבט זיך אין זיין אנוועזענהייט צו רעדען אויף אזא אופן.

(פארטזעצונג קומט)

פון דער קהלה

עס ווערט געזוכט די משפחה דאַטשקין

צו דער לאָדזשער קהלה האָט זיך געווענדעט איינער מיכאל דאַטשקין פון בערדיטשעוו, מיט אַ בקשה אויפצוזוכן זיינע קינדער: יואל, יצחק, יוסף, ראובן און חיה דאַטשקין, די לעצטע האָט אַמאָל געוואוינט אויף אַנדזשעיאַ 33 ביי סאַלאָמאָנאָוויטש אליין זוהן אויף זגערזשער 28, דער פּעטענט אַליין — אויף ביר־שטאַט 3. ווער עס וויס עפּעס וועגן די אויבענדערמאָנטע ווערט געבעטן תיכף מודיע צו זיין אין דער קהלה — פּאָמאָרסקאַ 18, אין די שעה'ן פון 1 ביז 3 באַכמיטאָג.

ארויספאָדערונגען פון א״י

עס זענען דערהאַלטן געוואָרן ווייטערע אַרויספאָדערונגען פון ארץ־ישראל פאַר פאָלגענדע פּערזאָנען:

אַרענבוך ירחמיאל, פּעפער אַבוש, לאַנדאַ הערש און לאה, קירשטיין נחמיה, ווידאַווסקי חיה און מרים, בירנצווייג איטה, הערשמאַן ביילה, קליבנביל חיה, פריימאַג גליקה, שמודראָווסקי אברהם, אויסער דעם איז אָנגעקומען אַ המלצה אויף אַ סערטיפיקאַט פאַר פרל. פירא יערוזאַלימסקאַ.

די דערמאָנטע דאַרפן זיך ווענדן אין ארץ־ישראל אַמט (שרודמייסקאַ 29) פון 10 ביז 1 באַכמיטאָג בכדי צו ערלעדיקן די רייזע־פאָרמאַליטעטן.

שטאָטישע וואַרשטאַטן זאָלן ליקווידירט ווערן

(2) ווי מיר דערוויסן זיך, זאָל אין די נאָענטסטע טעג דורכגעפירט ווערן אַ רעדוקציע פון די אָנגעשטעלטע אין די שטאָטישע וואַרשטאַטן ביי דער בוי־אָפּטיילונג פון דער לאָדזשער שטאָט־פאַרוואַלטונג.

עס זאָל רעדוצירט ווערן אַ העלפט אָנגעשטעלטע.

אגב קורסירן אויך קלאַנגען, אַז אין די נאָענטסטע טעג זאָלן די שטאָטישע וואַרשטאַטן בכלל ליקווידירט ווערן, מחמת'ן מאַנגל אין אַרבייט פאַר די שטאָטישע אינסטיטוציעס.

אינדיווידועלע טוריסטישע רייזעס קיין פאַלעסטינאַ

דאָס היגע ביוראָ פון „וואַגאָן לי קוק“ אָרגאַניזירט אינדיווידועלע טוריסטישע רייזעס מיט דער שיף „פּאָלאָניאַ“ קיין פּאַלעסטינע.

דער נאָהענטסטער אַרויספאָהר קיין קאָנסטאַנץ קומט פאָר דעם 2־טן און 16 יאַנואַר 1935, דער פּרייז איז — 620 זל 3־טע קלאַס, און 840 זל. 2־טע קלאַס.

דער דאָזיגער אָפּצאָהל נעהמט אַרום: פּאַס, גילטיג אויף 6 חדשים, ענגלישע וויזע אויף 3 חדשים רייזע און בעשפּייזונג אויף דער שיף, רייזע מיטן שנעל־צוג פון לאָדז אויס.

ביים פאַרשרייבן זיך דאַרף מען בייליגן אַ פּאַס מיט אַ בעשטעטיגונג פון פּוילישער בירגערשאַפט, צוויי פאָטאָגראַפיעס, מיליטער־ביכל און אַ בעשייניגונג אַז דער פּעטענט וואוינט אין לאָדז.

פאַרשרייבונגען אין „וואַגאָן לי קוק“, פּעטריקאָווער 64, פון 9 פריה ביז 8 אָווענד.

„וויזאָ“-קיערמאַש

עפענט זיך דעם 15-טען ד.ח.

שבת ד. 15-טען ד.ח. עפענט זיך אין „וויזאָ“ (שיענקיעוויטשאַ 26) דער טראַדיציאָנעלער וויזאָ-קיערמאַש.

ס'געפינט זיך אַ גרויסער אויסוואַהל פון סחורה, אָרקעסטער, טענץ, אַרטיסטישע אויפטריטען, לאָטעריע, ברידזש-זאַל.

דער קיערמאַש וועט זיין אָפן פון 15 ביזן 19-טען ד.ח.

קלאַנג-קינאָ

„MIRAŻ“

11 ליסטאָפּאַד (קאָנסטאַנט.) 16

היינט און פאלג. טעג!

פרעהליכסטער פילם פון דער נייעסטער פּראָדוקציע פון איצטיגען סעזאָן!

Flip i Flap

Laurel i Hardy

אַלס

זיהן פון דער מדבר

אויסערן פּראָגראַם:

קלאַנג-צוגאָבעז.

בילעטן צום פּרייז: III פּלאַץ — 54 גר., II פּלאַץ — 85 גר., I פּלאַץ — 1.09 גר.

באַנקראָט פון אַ גרויסער זגערזשער פירמע

דער פירמע „מ. שפּילקאַ“ בעשטימט אַ נאַדזאָר

(—) נעכטען האָט דאָס היגע האַנדעלס־געריכט דערקלערט אַלס באַנקראָט די אַקציען־געזעלשאַפט „זגיערסקאַ פאַבריקאַ אי אַפּרעטורניאַ“.

דער באַנקראָט איז דערקלערט געוואָרן אויפן פאַרלאַנג פון דער פירמע.

אַלס קאָמיסאַר איז בעשטימט געוואָרן דער האַנדעלס־ריכטער ראַשיאַק. קוראַטאָר — מילנער.

* * *

אויף דער־זעלבער זיצונג איז איבער דער טריקאָטאַזש־פאַבריק פון מ. שפּילקאַ בעשטימט געוואָרן אַ „נאַדזאָר“.

די דאָזיגע פירמע איז שוין איינמאָל אין יאָהר 1929 געווען אונטער אַ „נאַדזאָר“.

פייערליכע ערעפנונג פון קרן־קימת־סעמינאַר

אין לאָקאַל פון דער יודישער פּראָוויץ־גימנאַזיע איז נעכטען אין אָווענד פאָרגעקומען די פייערליכע ערעפנונג פון אַ סעמינאַר־קורס אָרגאַניזירט דורך דעם „קרן קימת לישראל“.

די צוהערער פון סעמינאַר בעשטעהען פון מיטגלידער פון אַלע ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פון אַלע ריכטונגען. דער קורס וועט דויערן פון 10 דעצעמבער ביזן 10 פעברואַר. די לעקציעס וועלען געלייענט ווערן דורך פאָלגענדע פּרעלעגענטען: ד״ר ארמיאַן, ד״ר עק, פּראָפ. בערטהאָלד, ד״ר עלענבערג, ד״ר בערלאַס, ד״ר טאַרטאַקאָווער, ד״ר סאָבאָל, ד״ר ווייזינגער, ד״ר פרענקעל, פּראָפ. גוטקאָווסקי, דיר. פּערלמאַן, פּראָפ. פּייווישיס און מ. רייזמאַן, וועלכע וועלען רעפערירן אויף טעמעס פון ארץ־ישראל־וויסענשאַפט און פּראַקטישע ארץ־ישראל־אַרבייט.

פאַר אַ'צרך הונדערט צוהערער האָט דעם סעמינאַר בעגריסט ד״ר ארמיאַן, וועלכער האָט ערקלערט, אַז דער סעמינאַר איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דעם קרן־קימת, ווייל אויף דעם אייניגען זיך אַלע גרופּירונגען אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

— מיר זענען נישט געקומען דאָ פּאָליטיקירן, זאָגט ד״ר ארמיאַן, נאָר פּשוט זיך לערנען און אַרבייטען, כדי אונזער ציוניסטישע תורה איבערצוגעבען אַנדערע.

נאָכן גרוס פון „תחוקנה“ האָט זיך אָנגעהויבען די ערשטע לעקציע פון ד״ר עק א. ד. ט. „די עיקר־פּראָבלעמען פון ציוניזם“.

זאַל פילהאַרמאָניע. זונטאַג, דעם 16. דעצעמבער ד. י. 12 אַ זייגער בייטאָג צוליב'ן אונגעוו. ערפאָלג אויפ'ן אַלגעמ. פאַרלאַנג פון פּובליקום קומט פאַר די ווידערהאָלונג פון קאָנצערט

פון 7-יעהריגען פענאָמען

Antoś Waserman

פּיאַניסט־קאָמפּאָזיטאָר

בילעטן פון 1 זל. ביז 3.50 זל. צו בעקומען אין פילהאַרמאָניע־קאַסע.

„צעשויבערטע קעפּ“

די היינטיגע פאַרלעזונג פון בעקאַנטע דיכטער יצחק מאַנגער אין לאָדז

(ז) דער איינציגאַרטיגער, טיף־בעגאַבטער יודישער באַלאַדען־דיכטער יצחק מאַנגער, וועלכער האָט זיך שוין קונה שם געווען ביים בעסערען לאָדזער עולם, מיט זיינע אינטערעסאַנטע פאַרלעזונגען, קומט ווידער קיין לאָדז און וועט היינט מיטוואָך 9 אָווענד אַרויסטרעטען מיט אַ בעלעהרענדען רעפעראַט וועגן די גאונים פון דער וועלט־ליטעראַטור.

אונטערן נאָמען „צעשויבערטע קעפּ“ וועט דער אָריגינעלער פּאָעט יצחק מאַנגער מאַכען אַן איבערהאַלטסרייכע עקסקורסיע איבער די שאַפונגען און לעבענס־וועג פון אַזעלכע וועלט־גייסטער ווי העלדערלין, ווערלען, קלייסט, ניטשע, וויאָן, פּאָ, מאַפּאַסאַן, דאָסטאָיעווסקי און אַנדערע.

יצחק מאַנגער איז בעקאַנט נישט נאָר אַלס אויסגעצייכנעטער דיכטער, נאָר אויך אַלס גלענצענדער לעקטאָר וועלכער איז אימשטאַנד זיין צוהערער־אוידיטאָריע אַריינצוציהען אין דער נעץ פון די אַהנזאַהליגע פּראָבלעמען און בילדער, וועלכע ער צעוואַרפט פון דער ברייטער האַנד און פולער מאָס.

קורץ, יצחק מאַנגער'ס רעפעראַט היינט 9 אין אָווענד אין לאָקאַל פון דער געזעלשאַפט פאַר לאַנדקענטשאַפט (וואָלטשאַנסקאַ 35) איז אַ שאָד, נישט אויסצוהערען, מאַנגער'ן מוז מען געהן הערען און בעוואונדערען.

דער געזעלשאַפט פאַר לאַנדקענטשאַפט אין לאָדז פעהלט כשר אַ האַרציגען יישר־כוח פאַר'ן אַראַנזשירען לעקציעס אַלאַ מאַנגער, וואָס פאַרשאַפען דעם עולם אַ נחת רוח.

לעצטע צוויי גאַסטשפּילען פון קורט קאַטש

היינט און מאָרגען קומען פאָר די לעצטע צוויי געזעגענונגס־פאָרשטעלונגען פון דעם בעקאַנטען דראַמאַטישען שוישפּילער און רעזשיסער קורט קאַטש וועלכער פאַרלאָזט לאָדז נאָך זיינע ערפאָלגרייכע אויפטריטען אין טעאַטער „ראַזמאַיטאָשטשי“ וואו ער האָט געשפּילט במשך פון 4 וואָכען.

היינט ווערט געשפּילט צו ביליגע פּרייזען קורט קאַטש'ס גרעסטער ערפאָלג — די ענגליש־כינעזישע פּיעסע „מאַנדאַרין וואַו“, מאָרגען ווערט געשפּילט צום לעצטען מאָל אַרנאָלד צווייגס „סערזשאַנט גרישאַ“ מיט קורט קאַטש אין דער טיטול־ראָלע.

פרייטאָג — ערשטער אויפטריט פון רעגינאַ צוקער אין „די קאָמעדיאַנטקע“

אין „ראַזמאַיטאָשטשי“ - טעאַטער קומען שוין פאָר די צוגרייטונגס־פּראָבען פון דער נייער מוזיקאַלישער קאָמעדיע „די קאָמעדיאַנטקע“ צום ערשטען אויפטריט פון דער בעליבטער אין לאָדז סוברעטין רעגינאַ צוקער, וואָס קומט פאָר פרייטאָג דעם 14 דעצעמבער.

רעגינאַ צוקער איז דעם היגען טעאַטער־פּובליקום זעהר גוט בעקאַנט און איהרע אויפטריטען האָבען תמיד אַ קאָלאָסאַלען ערפאָלג. ס'איז צו האָפען אַז אויך די איצטיגע אויפטריטען פון רעגינאַ צוקער וועלען אַרויסרופען גרויס פרייד, בפרט ביי די ליבהאָבער פון לייכטער קאָמעדיע מיט געזאַנג.

צווייטער קאָנצערט

פון אָבערקאַנטאָר קוסעוויצקי

צוליב דעם גרויסען ערפאָלג פון קוסעוויצקי'ס קאָנצערט, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 5-טע ד.ח. וועט דעם 24-טען ד.ח. פאָרקומען אין פילהאַרמאָניע אַ צווייטער קאָנצערט.

ראַדיאָ־פּראָגראַם

מיטוואָך, דעם 12-טען דעצעמבער

6,45 פריהמאָרגען אודיציע, 6,48 פּליטען. 6,52 גימנאַסטיק, 7,07 ידיעות, 7,25 פּליטען, 7,50 רעקלאַמע־קאָנצערט, 11,57 צייט־סיגנאַל, 12,03 ידיעות, 12,05 פּרעסע, 12,10 קאָנצערט, 1 ידיעות, 1,05 פּליטען, 3,30 עקספּאָרט, 3,35 בערזע, 4 קאָנצערט, 4,45 שמועס פאַר עלטערע קינדער, 5 פידעל־קאָנצערט, 5,25 רעפעראַט, 5,35 פּליטען. 5,50 ספּאָרט־ראַטגעבער, 6 פּליטען, 6,10 רעפּערטואַר פון די טעאַטערן, 6,15 קאָנצערט. 6,45 רעפעראַט, 7 לידער, 7,20 פעליעטאָן, 7,30 פּליטען, 7,50 ספּאָרט, 8 מוזיק, 8,45 ידיעות, 9 שאָפּין=קאָנצערט, 9,30 פּליטען, 9,40 פּוילישע פאָלקס־לידער, 10 רעקלאַמע־קאָנצערט, 10,15 רעפעראַט, 10,30 טאַנץ=מוזיק, 11 ידיעות, קאָמוניקאַטען, 11,05 טאַנץ־מוזיק.

פון דער לאָדזער בערזע

באַנק פּאָלסקי	—	—	—	94.75
3 פּראָצענטיגע בוראָוולאַנע			—	44.50
4 „	דאָלאַרובקאַ		—	53.25
7 „	סטאַביליזאַציע (אמ.)			68.50
5 „	וואַרשאַווער פּ.ב.		1934	59.75
5 „	לאָדזער		„	52.00
ענגלישער פונט	—	—	—	26.22
דאָלאַר אָפיצ.	5.30	נישט אָפיצ.	—	5.27
גאָלד־דאָלאַר	—	—	—	8.91.50
גאָלד־רובל	—	—	—	4.59
דייטשער מאַרק	—	—	—	1.95

Dr. H. Rakowski

אינערליכע קראַנקהייטען

צוריקגעקעהרט

האָט זיך איבערגעצויגען פון זאַוואַדסקאַ 8 אויף טראַוגוטאַ 5, טעל. 137-34.

Dr. med. L. Berman

צעגעלניאַנאַ 15, טעל. 149-07

ספּעציאַל־אַרצט פאַר מענער־שוואַכע־בעהאַנדלונג און סעקסועלע בעראַטונג.

נעמט אָן פון 8—11 און פון 4—8 אָווענד. זונטאָג פון 9—1 פאַרמיטאָג.

היינט פייערליכע פּרעמיערע פונ'ם העררליכען פילם „דאָס נייע ארץ־ישראל“

אין קינאָ „טשאַרי“

דעם לאָדזער יודישען קינאָ־בעזוכער פּובליקום היינט מיטוואָך 12 דעצעמבער אַ גרויסער סורפּריז, דער דירעקציע פון קינאָ „טשאַרי“ איז געלונגען צו פאַרקאָנטראַקטירען אַ העררליכען פילם, וואָס ווערט צום ערשטען מאָל געוויזען אין פּוילען און וואָס וועט זיכער אַרויסרופען דעם גרעסטען אינטערעס ביי די ברייטע יודישע שיכטען, דער דאָזיגער פילם טראָגט דעם נאָמען „דאָס נייע ארץ־ישראל 1934־35“.

דער דאָזיגער פילם טראָגט אונז איבער פון אונזער גרויער גלות־וואָכעדיגקייט צום זון־צושטראַלטען מזרח. פאַר די אויגען פון צושויער געהט אַדורך דאָס נייע ארץ־ישראל וואָס ווערט געבויט אין אַ שנעלען טעמפּאָ דורך אונזערע בראַווע חלוצים. מיר זעהען אין דעם פילם די שענסטע ארץ־ישראל־נאַטור־ווינקעלעך, די העררליכסטע קאָלאָניעס, און על כולם — די שעהנע יודישע שטאָט תל אביב. אַ בעזונדער קאַפּיטעל אין דעם דאָזיגען צויבערנדען פילם איז דער מזרח־יריד, וואָס איז ערשט נישט לאַנג צוריק פאָרגעקומען אין ארץ־ישראל. מיר זעהען דאָ די 27 העררליך דעקאָרירטע קיאָסקען פון די גרעסטע וועלט־מלוכות מיט פּוילען אין דער שפּיץ, וואָס האָבען אַנטייל גענומען אין דער אויסשטעלונג, פאַר די אויגען פון די צושויער געהען אַ דורך די צעהנדליגער טויזענטע צונויפגעפאָהרענע יודען פון גאָר דער וועלט, וואָס האָבען בעזוכט ארץ־ישראל אין דער לעצטער צייט. דער דאָזיגער פילם פאַרמאָגט אויך אַ ים מיט אָריגינעלער יודישער ארץ־ישראל נגינה און לידער פון חלוצים, דער נייער ארץ־ישראל פילם ברענגט אונז אַ לעבעדיגען גרוס פון אונזערע ברידער און שוועסטער, וואָס זענען עולה געווען אין אונזער הייליג לאַנד.

די אויפנאַהמען צום דאָזיגען פילם, זענען אויסגעפיהרט געוואָרען אונטערן אויפזיכט פון דער פּויליש־פּאַלעסטינישער האַנדעלס־קאַמער, . מיט עטליכע טעג צוריק איז אַ טייל פון דאָזיגען פילם דעמאָנסטרירט געוואָרען פאַר פאַרשטעהער פון דער פּרעסע און איינגעלאַדענע געסט אין דער לאָדזער פּויליש־פּאַלעסטינישער האַנדעלס־קאַמער, די דירעקציע פון קינאָ „טשאַרי“ דעמאָנסטרירענדיג דעם פילם „דאָס נייע ארץ־ישראל 1934־35“, גיט יעדען איינציגען די מעגליכקייט צו מאַכען אַ פאַרגעניגונגס רייזע איבערן נייעם ארץ־ישראל.

ספּאָרט

היינטיגע באָקס־אימפּרעזע פון „מכבי“

די ריהרעוודיגע פאַרוואַלטונג פון לאָדזער „מכבי“ אָרגאַניזירט היינט אין זאַל פון נייער, פּיעטריקאָווער 293, אַ גרויסע באָקס־אימפּרעזע. אין די קאַמפּען וועלען זיך בעטייליגען 10 פּאָר: פון די באָקס־מאַנשאַפטען פון „זיעדנאָטשאָנע“, „נייער“, „שילא“, „בר־כוכבא“, „י.ק.פּ.“ און „מכבי“. דער קלוי פון די קאַמפּען וועט זיין דאָס טרעפען זיך פון 6 פּאָר פון „מכבי“ און „נייער“. די יודישע מאַנשאַפט וועט בעשטעהען פון די באָקסער: גראַודעס, זייבערט, בירנבוים, גאָלדבערג, בורמאַן און אין דער שווערער וואָג — ווייסבערג. „נייער“ שטעלט אַרויס צום מעטש מיט „מכבי“ זיינע בעסטע באָקסער.

די היינטיגע באָקס־אימפּרעזע האָט אין די ספּאָרט־קרייזען אַרויסגערופען אַ גרויס פאַראינטערעסירונג.

היינט—צווישן־קלובישע באָקס־פאָרמעסטונג אָרגאַניזירט דורך „מכבי“

היינט אין אָוונד אָרגאַניזירט דער לאָדזער „מכבי“ אין זאַל פון „נייער“ (פּיעטריקאָווער 298) צווישען־פאַראיינישע באָקס־פאָרמעסטונגען מיט אַ זעהר אינטערעסאַנטען פּראָגראַם. דורכן רינג וועלען אַדורכגעהן 20 פויסטלער כמעט פון אַלע לאָדזער קלובען: י.ק.פּ., זיעדנאָטשאָנע, נייער, בר כוכבא און מכבי.

די פאָרמעסטונגען קומען פאָר היינט 8 אין אָוונד.

נאַרטען־קורסן פון לאָדזער מכבי

אַזוי ווי יעדעס יאָהר אָרדענט איין אויך היי־יאָהר דער לאָדזער „מכבי“ אַ'איינמאָנאַטליכען טוריסטען־נאַרטען לאַגער אין זאַקאָפּאַנע. דער לאַגער וועט דויערן פון 20 דעצעמבער ביז 20 יאַנואַר. אין לאַגער וועט זיין אַ ספּעציעלער קורס פאַר אָנפאַנגער אונטער דער שוץ פון בעקאַנטען נאַרטען־קענער פּאַר. קאַספּזשאַק. פאַר אַוואַנסירטע וועלען פאָרקומען אויספלוגען אין דער געגענד פון זאַקאָפּאַנע.

דער לאַגער געפינט זיך אין אַ לוקסוס־בנין מיט אַלע בעקוועמליכקייטען: וואַרים וואַסער אין שטוב און באַד־צימערן, ס'וועלען אויך אַרויסגעבראַכט ווערן נאַרטעס אויף זעהר גינסטיגע בעדינגונגען. אַלע אינפאָרמאַציעס, ערטיילט דער סעקרעטאַריאַט פון לאָדזער „מכבי“.

קראנג-קינא
CAPITOL
זאוואדזקא 16

היינט פרעזענטירען מיר
די וואונדערבארע עפאפיי פון
די העלדען פון דער פארשטאדט,
רעזשי: RAUL WALCH

„פארשטאדט"

דראמע פון
טרעהרען און
סענטימענטען.

עס נעהמען אנטייל: Wallace Beery. Fay Wray, Jackie Cooper, George Raft

אויסער'ן פראגראם: קלאנג-צוגאבען און אקטואליטעטען פון PAT אנהויב: 1-טער סעאנס 4.30, לעצטער 10.15. שבת און זונטאג: 1-טער סעאנס 12.30, לעצטער 10.15

Teatr Literacko-Artystyczny
ALHAMBRA
פזשעיאזד 34.

אונטער דער ארטיסטישער לייטונג פון **Aleksander Aleksy** היינט און טעגליך: די פראכטפולע רעוויע א. נ.

„ווי קען מען אייך צופרידענשטעלן"

18 בילדער, הומאר, טענץ און סענטימענט.
ס'נעמען אנטייל: 8 פערזאן פון באלעט

Anna Zabojkina

siostry **Halina Gorgi i Wiera Surina** (Zabojkiny), **Zosia Kalinowska, Igo Orsza, Anna Zabojkina, Al. Aleksy** i in.

אנהויב אין געוועהנליכע טעג 7.30 אווענד, שבת און זונטאג — 4.30 נאכמיטאג. פרייזען פון די פלעצער פון 75 גראשן.

שייטלען

מיט פאריזער שרינדען
ווי אויך פערטיגע שייטלען ווערען
ערשטקלאסיג און רעיעל אויסגעארבייט
צו ביליגע פרייזען
ביי **קערש**, סקווערא 15

פאר שאכטעל-מאכער,
ליניירער, בוכבינדער און
דרוקערייען!
רעפאראטורען פון מעסערלעך
פערשידענע מאשינען - טיילען
און שווייסונגען
פיהרט אויס ביליג
J. REDER Łódź,
קאנסטאנטינער 11/13 11/13
(רוג זאכאדניא)

Hilde Handzel

ספעציעלע ווינער הייל-גימנאסטיק פאר
פערקרימונגען פון רוקען-ביין, שלעכט
האלטען זיך פון קינדער.
Sienkiewicza 20, tel. 141-41.

לעכער אויף דער מאשין
ווערען אנגענומען אויסצונייען ביי
ג. נארדמאן, שרודמיעסקא 8

שטים-בילדונג.

ס'ווערען אנגענומען שילער אלערהאנד
מיט זעהר מעסיגע פרייזען. ס'ווערט גא-
ראנטירט שוין אין 20 לעקציעס.
ריזיגע פארטשריט. מ. בירנבוים,
פאלודניאווא 24, וו. 13.

Dr. med. **M. TAUBENHAUS**
ספעציאליסט
פאר אקושעריע און פרויען-קראנקהייטען
פערהיטונג געגען שוואנגערשאפט
זגערזשער 11, טעל. 246-09
נעמט אן פון 4-8 אווענד.

Dr. Jakób Hadnzel
ספעציאליסט אין ארטאפעדיע
(קראנקהייטען פון ביינער און געלענקען).
Sienkiewicza 20, tel. 141-41
נעמט אן פון 4—6 נאכמ.

אויערן, נאז און האלז
קליניק
מיט בעטען פון Dr.
Z. Rakowski
פיעטריקאווער 67, טעל. 127-81
נעהמט אן שטענדיגע קראנקע (צוויי-
אפעראציע א. ז. וו.), ווי אויך אמבולא-
טארישע פון 11—1 און פון 5—8 אווענט.

קליינע אנאנסען

1 זלאטי אנ'אנאנס ביז 15 ווערטער 1 זלאטי

ס'ווערט געזוכט א קוואליפיציר-
טער און טיכטיגער פערקויפער צו דאמען-
און הערן-קאנפעקציע. אפערטען אונטער
„L. T. 40" אין אדמ.

פערשידענעס

בעסטער פאכמאן פון שניידער-
צודאטען, 26 יאהר אלט, פון דייטשלאנד
ארויסגעטריבען, זוכט בעשעפטיגונג. אנ-
צופרעגן ביי זילבערבערג, פאמארסקא 19

ווילסטו זיין שטענדיג בעזונד, דאן
מוזטו עסען די בעסטע און געשמאקהאפ-
טסטע מיטאגען צו גאנץ ביליגע פרייזען
אין דעם בעוואוסטען היגיענישען רעס-
טאראן ביי הערמאן לעווינסקי, פילסוד-
סקיעגא 39, טעל. 169-94.

Primeros

צוליב אפפאהרען פערקויף איך א
מאשין אויסצוארבייטען טאשמעס. לאדז,
ווידזעוו, נאווא-גראדזקא 33, פ. זאבארסקי

Lekcje hebrajskiego i angielskiego. Postępy gwarantowane Ceny przystępne. Narutowicza 11 m. 4, front. Zgłoszenia 5–6 popoł.

איך קויף פון אלע בעזיצער פון
פראטעסטען און היפאטעטשנע חובות,
פון משה פנחס שימאנאוויטש און העניך
בארנשטיין קויף איך און צאהל דעם
פולען פרייז. לייביש יאכימאוויטש,
אלטער מארק 5.

ראקאלען

א גרויסער, ליכטיגער פראנט-צימער
מיט אלע בעקוועמליכקייטען גלייך צו
פערדינגען אויף 11. ליסטאפאדא 12,
וו. 3, פראנט, 2. שטאק. טעל. 103-35.

צו פערמיטען א צימער און קוך.
צו ערפאהרען ביי ל. איזביצקי, אגרא-
דאווא 10.

א פאבריקס-לאקאל אין צענטרום שטאט
ביי נאוואמיעסקא מיט אלע איינריכטונגען
און קאנצעסיע ביליג אבצוגעבען. צו ער-
פאהרען ביי שאיעוויטש, פיעטריקאווער 17,
וו. 94 פון 3—4 נ"מ און פון 8—10 אוו.

א שטוב מיט א בעזונדערען איינ-
גאנג צו פערמיטען. פולנאצנא 6, וו. 70,
גרינבערג.

איך זוך איבערצונעהמען געגען
קאסע א פרוכטען-געוועלב, קאסמעטיק
אדער לעבענסמיטעל. בעפארצוגט אהן
רעמאנט, גייערס מארק. אפערטען אונטער
„געשעפט" אין אדמינ.

פרייע פאסטענס

איך זוך אנ'ארבייטער צו א שטריק-
שליטען-מאשין אויף צו פאהרען נאך
פאמערן מיט געצליך אויפענטהאלט. —
אפערטען צו שיקען M. Maszkowska
Puck Pom., 10 Lutego 17.

קינא „טשארי" קינא **„Czary"**

היינט פייערליכע פרעמיערע!

פון הערליכסטען פילם, וואס יעדער יוד מוז זעהען!
— א. נ. —

דאס נייע ארץ-ישראל

דער דאזיגער פילם איז אויסגעפיהרט אונטער'ן פראטעקטאראט פון דער
פויליש-פאלעסטינישער האנדעלס-קאמער. הערליכע פערכאפענדע בילדער,
וואס מאכען קלאפען פון פרייד יעדעס יודישע הארץ!
ארץ-ישראל-טעמפא! דאס לעבען פון די קאלאניעס אין
שטעט איז ארץ-ישראל! די חלוצים פון דער לאנד-
ווירטשאפט, אינדוסטריע און האנדעל ביי דער ארבייט!
דאס גאנצע נייע ארץ-ישראל אויפ'ן עקראן!

אלע יודען מוזען קומען זעהן דעם דאזיגען הערליכן פילם!

— II —
צווייטער פילם! צום ערשטען מאל אין לאדז!

„דער טייוועל פון קאנזאס"

אין דער הויפט-ראלע: **Buck Jones**

אנהייב פון די סעאנסן: 4 נאכמיטאג, שבת און זונטאג 12 בייטאג.

ברוך-קראנקע!!!

J. Rapaport

ערשטע און איינציגע ארטאפעדישע
הייל-אנשטאלט אין לאדז, פון דעם אין
גאנץ פוילן בעריהמטן ספעציאליסט
ארטאפעד דיר. י. ראפאפארט.
וועלכער עקזיסטירט 30 יאהר און איז געווארען
אנערקענט פון פיל בעוואוסטע פראפעסארען.

ברוך-ליידענדע! ספעציעלע ארטאפעדישע גומי
הייל-באנדאזשען פון מיין ארטאפעד. הייל-אנשטאלט בעזייטיגען אהן שום אפעראציע, ראַ-
דיקאל שנעל און זיכער מיט דעם גרעסטען ערפאלג, די שווערסטע, געפעהרליכסטע און
פערעלטערסטע ליידענדע ברוכען ביי מענער, פרויען און
קינדער. — ספעציעלע ארטאפעד. הייל-באנדאזשען פאר צו
ריקגעקומענע ברוכען נאך אפעראציעס, ווי אויך ספעציעלע
אינדיווידועלע צוגעפאסטע ארטאפעד. בויך-באנדאזשען געגען
ארפלאזען זיך פון מאגען און קישקעס.

פאר קאליקעס, הויקערס און אלערארט פעהלער פון גוף!

אין מיין ארטאפעד. הייל-אנשטאלט ווערען אויסגעפערטיגט
די הייל-בארסטע און פון פיל פראפעסארען אנערקענטע
מאדערנסטע, ארטאפעד. הייל-גארטעלען פאר פערקרימונג
פון רוקען-ביין (Skrzywienie Kręgosłupa), ביין-שווינד-
זוכט, ליידונגען, פערקרימטע פיס ביי קינדער און ערוואקסענע
קינסטליכע הענד (פראטעזען) און פיס, ווי אויך די פראק-
טישסטע ארטאפעדישע אפאראטען פאר שמערצליכע פלאט-
פיס לויט גיפס-מאדעל.

אלע קראנקע אין מיין ארטאפעד. הייל-אנשטאלט, ווערען נאר
פון מיר פערזענליך בעהאנדעלט.
30 יעהריגע פראקטיק, פולע גאראנטיע!
ערמעסיגטע פרייזען! עמפפאנגט טעגליך פון 9 פריה ביז 7 אוו.
עס ווערען אויך אנגענומען מיטגלידער פון אובעזפ. ספאל. (קאסע-כאָריך).

אכטונג! אכטונג!

ערשטע און איינציגע ארטאפעדישע הייל-אנשטאלט אין לאדז

Spec. Dyr. J. RAPAPORT, Ortoped.
פון לעמבערג
Łódź, Wólczańska 10, front, parter, tel. 221-77.

הערצליכען דאנק

אויף דעם וועג, נאך דעם ווי איך בין באמת געראטעוועט און געזונד געווארען
פון לאנגיעהריגער זעהר שווערע ברוך-ליידען און גרויסע שמערצען, פיהל איך מיך
פערפליכטעט מיט פיל פרייד אויסצודריקען מיין הייסען דאנק דעם באמת וואונדערבארען
און איינציגען ספעציאליסט פאר ברוך-קראנקהייטען ה' דיר. י. ראפאפארט, לאדז,
וואלטשאנסקא 10, און איך ערקלער עפענטליך, אז איך בין נאר אדאנק זיין
גרויסע ארטאפעדישע ספעציאליטעט הידער געווארען א פולשטענדיג געזונדער מענש
און בין הידער פעהיג צו אלער ארבייט. נאר אדאנק איהם בין איך בעפרייט געווארען
פון א שווערע און געפעהרליכע אפעראציע, פאר וועלכעס איך בלייב איהם אייביג
הערצליך דאנקבאר.

28/1 1934. (—) ה. גאלדשמיד לאדז, קילינסקיעגא 12.

Dr. med. **Niewiażski**
ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער
און הויט-קראנקהייטען. בעהאנדלונג
פון מענער-שוואכע
אנדזשעיא 5, טעל. 159-40
צוריקגעקעהרט
נעהמט אן פון 8—11 און פון 5—9 אוו.
זונטאג און יום-טוב פון 9—1 פארמיטאג.
בעזונדערער ווארטע-זאל פאר פרויען.

Dr.
S. Kantor
ספעציאליסט פאר הויט און ווענע-
רישע קראנקהייטען (סיפיליס און
טריפער), היילט מענער = שוואכע
פיעטריקאווער 90 טעל. 129-45
נעמט אן פון 8—2 נאכמ. און פון 4—9
אוו., זונטאג און יום-טוב פון 8—2 נאכמ
פאר אונבעמיטעלטע — לעטשניצע-פרייזן.

Dr. Z. Henrykowski
ספעציאל-ארצט פאר ווענערישע
הויט-קראנקהייטען און מענער-שוואכע
האט זיך איבערגעצויגען אויף
פיעטריקאווער 86
טעל. 143-63
נעהמט אן פון 8—11 און פון 6—9 אווענד.
פאר פרויען א ספעציעלער ווארטע זאל.
פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע-פרייזען.

Dr. HELLER
ספעצ. פאר הויט און ווענערישע
קראנקהייטען און מענער-שוואכע
8 טראוגוטא 8, טעל. 179-89
נעמט אן פון 8—11 און פון 4—8 אוונט,
זונטאג פון 11—2 מיטאג.
פאר פרויען א ספעציעלער ווארטע-זאל.
אונבעמיטעלטע — לעטשניצע-פרייזן

Dr. med.
Z. DATYNER
אורא לאג
ספעצ. פאר נירען, בלאז און אורין-
קראנקהייטען
ZACHODNIA 59a, tel. 148-95
נעהמט אן פון 2—3 און פון 6—8 אוו.

Dr. med. **N. Kajzer**
ספעצ. פאר אינערליכע און קינדער-קראנקה
וואוינט יעצט אויף
בזשעזשינער 24 (רוג מלינארסקא)
נעמט אן פון 10—12 און פון 4—7 נ"מ
לעטשניצע-פרייזען.

Dr. **L. FALK**
ספעצ. ארצט פאר הויט- און
ווענערישע קראנקהייטען
Nawrot 7, tel. 128-07.
צמפפאנגט פון 10—12 און פון 5—7 נ"מ

Dr. med.
S. LIEBESKIND
Akuszer-Ginekolog
przeprowadził się na ul.
Andrzeja 2, tel. 216-66
przyjmuje od 4–6.

אנאנסען-פרייז פאר א מילימעטער-שורה
פאר'ן טעקסט—18 גר. פרייטאג און ערב-יו"ט—24 גר. אין דער זייט שפאלטען
אין טעקסט—40 . . . . 60—
נאכ'ן טעקסט—12 . . . . 18—
ווייטער דער טעקסט 50 פראצ. טייערער. אויסלאנד 100 פראצ. טייערער. מעלדונגען — 10 גר. א ווארט

נעקראלאגען—20 גר. א מ/מ
(אין דער זייט שפאלטען)
קליינע אנאנסען ביז 15 ווער-
טער 1 זל. יעדעס מעטערוואָרט
ווארט — 10 גר.

אבאנעמענטס-פרייז:
אין לאדז — 4 זלאטעס א חודש
מיט אפטראגען א היים. אויף דער
פראווינץ — 5 זל. א חודש; אין
אויסלאנד 7 זל. אמעריקא—1 דאל.

פעהלער, וועלכע ענדערן ניש
פרינציפיעל דעם אינהאלט פון
דער אנאנס בערעכטיגען ניש
צום איבערדרוקען די אנאנס אדער
צוריקצוצאהלען פאר דעם אנאנס

פאר'ן אינהאלט און פאר
מין פון די אנאנסן איז דער
פערלאג ניש פעראנט-
ווארטליך. די אדמינ. איז
אפען פייטאג און פיינאכט.

Za wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg
Czcionkami i druk. rotac. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.
Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman